

נומער 67 68

יארגאנג 8

# יום־טוב אויסגאבע

לכבוד

# פיניף יאר בנות־אגודת־ישראל

ב״ה, לאדזש, ניסן תרצ״א

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי
בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 1 מתוך 46

# אין דער הייגטיקער יום-טוב אויסגאַבע:


א) צום יום-טוב פין בנות-אגודת-ישראל . . א. ג. פרידנזאן
ב) הימן פון בנות-אגודת-ישראל . . . שמואל נאַדלער
ג) אילוסטרירטע הגדות של פסח . . . .
ד) דער רוף וואָס איז דערהערט געוואָרן דר. יהודית ראזנבוים
ה) שוועסטערלעכע פריינטשאַפט . . חוה לאַנדסבערג
ו) פון דעמלט ביז היינט . . . . . שרה שענירער
ז) צו דער מדרגת פון שלימות . . . . . ריזל ראזאַ
ח) אַן-אַרביט לשם שמים . . . שרה פעסא גוטמארגן
ט) צוריק צום פאַרלוירינים גן-עדן . . . אסתר ראזא
י) אתה בחרתנו (ליד) . . . . . אליעזר שינדלער
יא) אַפאריזמין . . . . . . . . דר. נתן בירנבוים
יב) משה רבינו-ס פטירה . . . ד ר. שלמה בירנבוים
יג) ביי אַ שבת-דיק גלעזל טיי וו. לייכטער און בנימין מינץ
יד) נאַציאָנאַלע גאַווה און יידישע אויסדערוועלטקייט י. ל. ארלעאַן
טו) ראש השנה ביי די ביימער . נטע ירוחם בערלינער
טז) רעפלעקסן . . . . . . . . לייב פיינגאלד
יז) קונסט און קריטיק . . . . . . . יחיאל פיינער
יח) פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט * . הרב דר. מ. הכהן
יט) די יידישע בלום פון וועגעדיק . . . . . . א — ן
כ) דאָס לאַנד מצרים . . . . . . . . א. גנאם
כא) אַ מענטש אינים שאָטן פונים באַרג . . . איש-לוי
כב) ביי די גרים אין קירגיזנסטעפ . . . . א. שינדלער
כג) ליל שמורים אויפן מלחמה-פראנט . . המאירי
כד) ערב ראש חודש ניסן ביי קבר רחל . . ב. סאקאלאוו
כה) צווישן טאָג און נאַכט . . . . . . ל. שטשעקאַץ
כו) אַריינגינאַרט . . . . . . . . . ל. שיף


## חברות און פירערנס שרייבן וועגן
## פיניף יאָר בנות אגודת ישראל

כז) חנה גוטער (לאדזש) כח) בלומא קליין (סאסנאוויק) כט) בתי' גאַשעלסקא (פולטוסק) ל) רבקה טשערניק (פאַביניץ) לא) עלקע ראטשטיין (וואַרשע) לב) שרה יהודית גרזעבמאַכער (וואַרשע) לג) מלכה שטאקמאַן (גאַרוואלין) לד) רבקה עלבוים (וואַרשע) לה) שרה ראזן (ווענגראוו) לו) מרים בידערמאַן (וואַרשע) לז) חי' פרומיט גייער (ברועזשין) לח) גיטל בענדזל (ביאַלע ראַוו.) לט) חוה גילערנטער (יאַנאוו לוב.) מ) רבקה ווייסבראט (קראשניק) מא) רות ראזן (אסטראוו) מב) ברכה וויינמאַן (שידלאווצע) מג) אַ ערנסטע שמחה — מרים טויבע מד) פרישע שורות מה) הכנות צום חודש „יידישקייט און יידיש" מו) פרוי „שענירערס גיזאַמלטע שריפטן מז) רשימה פון די זאַמלער פון תרומת חבורה מח) דער נאָנטער צענטראַל-ראַט צוזאַמינפאָר אין וואַרשע מט) מודעות

## פיניף יאָר בנות אַגודת ישראל

1) גאָר די ערשטע פרואוון 2) די ערשטע שפראַצונג 3) די אָנהייב אַרביט פון צענטראַלן סעקרעטאַריאַט 4) דאָס ערשטע יאָר 5) דאָס צווייטע יאָר 6) דאָס דריטע יאָר 7) דאָס פערדע יאָר 8) דאָס פיפטע יאָר.

## בילדער און אילוסטראַציעס

ציי‍כינונגען און גימעלן פון דער דאַרמשטעטער הגדה בילד פון קבר רחל.

### אונדזער באַוועגונג און בילד

1) די גרינדונגס-קאָנפערענץ פון „בנות" 2) צווייטער לאַנד צוזאַמינפאָר 3) ערשטער פירערן-קורס אין ראַבקע 4) וועלט-קאנגרעס אין ווין 5) פגישת חברות אין בעלכאַטאוו 6) קרייז-קאנפערענץ אין פולטוסק 7) קרייז קאנפערענץ אין פאַביניץ 8) בית-יעקב סעמינאַר אין ווין 9) צווייטער פירערן-קורס אין ראַבקע 10 בנות-קאלאניע אין בענדין 11) קראָקאווער בנות-קאלאניע אין ראַבקע.

ארכיון אסופות

# דער נאָנטער צענטראַל-ראַט צוזאַמינפאָר אין וואַרשע

ווי שוין בעקאַנט, וועט זונטיק און מאָנטיק ט'–י' אייר (26 און 27 קוויטשן) זיין אין וואַרשע דער צענטראַל-ראַט צוזאַמינפאָר פון בנות-אגודת-ישראל. אַ חוץ די חברות פון צענטראַל-ראַט ווערט אבער אויך גיבעטן יעדער בנות-אָרגאַניזאַציע צושיקן דעלעגאַטנס.

די צאָל פון די דעלעגאַטנס זענין לויט די פאַרקויפטע תרומת-חברות. פון יעדע 25 ת"ח צו איין דעלעגאַטן. די צאָל געסט צום צוזאַמינפאָר אומבאַגרעניצט.

דער סדר היום פון צוזאַמינפאָר וועט אַרומנעמין די וויכטיקסטע פראָבלעמין און שאלות פון ארטאדאקסישן פרויען - לעבן בכלל און דער יוגנט בפרט: צוו. אַנד. זאלן באַהאַנדלט ווערן די ענינים פון בילדונג-פראַגן ביי דער פרוי, פרויען גלייכבערעכטיקונג אינים זין פון דער תורה, יוגנט-פראבלעמין, סאציאַלע און פילאַנטראַפישע אַרביטן, פרעסע און ליטעראַטור וועגן יידיש לשון און יידישקייט, ארץ ישראל און נאך פאַרשידינע וויפטיקע ענינים.

שוין היינט איז באַוואוסט, אז דער צוזאַמינפאָר, האָט אַרויסגירופן, אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירונג אין די ברייטסטע ארטאָדאקסישע פרויען-קרייזן און גאַנץ באַזונדער אין די רייען פון אונדזערע חברות.

דער ארגאַניזיר-קאמיטעט אין וואַרשע, גיט זיך די גרעסטע מי, אַז דער צוזאַמינפאָר זאל אויספאַלן וואָס איפּפאזאַנטער. אַכט טעג פאַרן צוזאַמינפאָר, ווערט איבערגיטראָגן דאָס ביורא פון דער בנות-צענטראַלע קיין וואַרשע און וועט דארט זיין אַקטיוו אין דער צוגרייט-אַרביט.

עס איז אויך שוין זיכער, אַז צום צוזאַמינפאָר וועלן קומין חשובע פערזענלעכקייטן פון לאַנד און אויסלאַנד. די פייערלעכע ערעפנונגס-זיצונג וועט זיין אין זאַל פון וואַרשעווער שטאָט-ראַט. אויך וועלן זיין הנחות אויף דער באַן ביי דער צוריק רייזע.

אין קומינדיקן נומער ב"י זשורנאַל וועלן מיר ברענגין אויספירלעך, וואָס נוגע דעם סדר-היום אאַ"וו.

פאַרגעסט נישט אין די חול-המועד טעג צו פאַרגרעסערן
# די צאָל אבאנאמענטן פון בית-יעקב-זשורנאַל!

**און** זאָל עס טאַקע דאָ געזאָגט ווערן: בכדי דאָס דאָזיקע אויס־
צופירן האָט מען געמוזט מקריב זײַן הונדערטער אַרבעט־
: נישט ווייניק נישט געשלאָפענע נעכט. יעדעס מאָל מחדש
צו זיין אַ נײַעם אויפטו, אָפט קומען מיט אַ נײַ וואָרט אַלעמאָל
ממציא זײַן אַ פרישן ענין און דערבײַ לעריינען די פּרטים און
פּרטי־פּרטים ווי אַזוי און אויף וועלכע אופן דאָס צו טון.
דערצו האָט מען געמוזט מכניס זיין זיך ראשו ורובו און דער
צ. ס. איז טאַקע אַריינגעגאַנגען בעובי הקורה פון דער אַרבעט,
איז דער צ. ס. געקומען צו דער הכרה, אַז די ימים־טובים און
יומא־דפּגרא־ס אין יאָר, מוזן אויסגענוצט ווערן, ווײַל יעדער
יום־טוב האָט אין זיך דעם חומר צו באַלעריינען באַוואוסטזיניק
ייִדיש צו מאַכן, האָט מען אָבער אויך געמוזט צו געבן תמיד
אַ נײַעם ניואַנס, דאָ אַ לאָקאַלן וואָרט, דאָ אַ צוציאונגס־לאָזונג,
אַ סך מאָל גאָר שאַפן עפּיס איינגאַנצן נײַעס.

**כדאי** צו פאַרצײַכענען דעם אויבן־אויפיקן פּלאַן פון דער
אַרבעט: ניסן — אַ פּראָפּאַגאַנדע חודש, ל״ג־בעומר —
אויספלוג־צײַט, סיון—חודש פון פאַרטיפונג פון אידעאַל, אב —
חמשה עשר באב, באַנײַטער יום־טוב סימבאָל פון קאַמף קעגן לוק־
סוס, עשרת ימי תשובה—שמירת שבת־וואָך, חוהמ״ס—אָרגאַניזיר־
טעג, חשון — ווערבירונגס־חודש, כסליו — פאַרשטאַרקטע שיעורים.
שבט—פילאַנטראָפּיע, באַקליידונג פאַר אָרימע קינדער, אדר—פאַר
די אָרטאָדאָקסישע שולן אין ארץ ישראל.

אַזוי מיט סדר און דיסציפּלין אויפשטעלן אַ באַוועגונג און פאַר
איר צו געפינען יעדעס מאָל דעם נײַעם אויפשוואונג און אָפּ־
הײליכיק וואָרט איז אמת אַ עבודה קשה, אָבער דער שעפערישער
כּוח, ווערט אַלעמאָל פון דאָס נײַ אָנגעפילט מיט אויפטוערישער
לחלוחית, ווײַל תמיד פאַר די אויגן שטײט דער הײליקער ציל
וואָס מאָנט, פאַרלאַנגט און רופט...

**איך** מײד אויס גוזמאות־דיקע לויב־געזאַנגען אויף דער בנות־
באַוועגונג אַפילו אַצינד בעת דער יובל־שמחה. איך קען
צו גוט די גרויסע צאָל פון די פאַרשידענע מינים אַסימילירטע
ייִדישע טעכטער. ס׳איז אַזוי ווי די חכמים דערציילן, אַז בשעת
די ייִדן האָבן געזאָגט שירה ביים ים, האָט דער אייבערשטער
אויסגערופן: „מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה״.
דריבער האַלט איך מיך אָפּ פון צו זאָגן שבחים. אָבער דאָך
איז דער אָנדענק־טאָג פונים געשאַפן ווערן פון בנות־אגודת־
ישראל, אַ גרויסער יום־טוב און ווער ווייס, וואָס עס וואָלט
געווען מיט אונדז, מיט דער אָרטאָדאָקסיע, מיט דער ייִדישער
פרוי, מיט דער ייִדישער משפּחה, מיט ייִנגען ייִדישן דור, מיט
אונדזערע טראַדיציעס און מיט אַלע הײליקע פאָלק־קנינים, ווען
נישט יענער טאָג, ווען ס׳איז די בנות־באַוועגונג געקומען אין
דער ייִדישער וועלט.

*

**מיר** מאַמינים האָבן דאָס רעכט צו זאָגן: ס׳איז זיכער נישט
קײן צופאַל, וואָס די בנות־באַוועגונג, האָט אין איר גע־
שיכטלעכן לויף, אָנצואווײַזן אויף די חדשים אָדר און ניסן, אַלס
די צײַט פון איר געבוירן ווערן. אין חודש אָדר איז געווען דאָס
נס פּורים, דאָס ייִדישע פאָלק איז ניצול געוואָרן פון מאָרד און
טויט, צוליב דעם העלדישקייט און מסירת הנפש פון איין ייִדישער
פרוי און אין חודש ניסן, איז דאָס ייִדישע פאָלק אויסגעלייזט גע־
וואָרן, זוכה געווען צו חרות און אַ גאַנצער גאולה שוין אינים זכות
פון אַ סך פאָלק־געטרײַע פרומע פרויען דורך „נשים צדקניות״...

**בנות** אגודת־ישראל גיט דעם בטחון אויף בײדע, אַז צו
קעגן ניצול ווערן פון די צרות און נויט דורך דער
אַרבעט פון די יחידות, וואָס גײען מיט מסירת הנפש אין דער
מלחמה פאַר [illegible] פאָלק און זײַן תורה־קולטור און
אַז דורך דער מאַסע אַגודה־טעכטער זוכה צו זײַן צו דער
גאולה העתידה.

**דער** תורה־געטרײַער כלל ישראל גיט אַלע חברות און
פירערנס פון בנות־אגודת־ישראל די אַלטע היס־
טאָרישע ברכה.

אחותנו את הי׳ לאלפי רבבה!

## — הימן —

# פון בנות־אגודת־ישראל

א.

מיר די אויסדערוויילטע טעכטער
פונים אויסדערוויילטן פאָלק,
בעטן דיך ישראלס וועכטער,
אונדזער אַרבעט גיב ערפאָלג;
היט אונדז אָפּ פון פרעמדער קנעכטשאַפט,
נעם פון גלות אונדז אַרויס,
מיר־ן פלאַנצן דיך אין קינד־האַרץ
און דײַן גײַסט אין יעקב־ס הויז.

שטאַרק און מעכטיק, גרויס און לעכטיק
אונדזער שטרעבן, ציל, ערפאָלג;
זײַן געטרײַע די אַלט־נײַע:
תורה, ג—ט און ייִדיש פאָלק!

ב.

קום צו אונדז, א, ווײַטע שוועסטער,
האָסט געבלאָנדזשעט שוין גענוג,
וואַרף די אַלע עבודה־זרה־ס,
קום אין צעלטער היים צוריק;
זײַ אַ גוטע און פרומע טאָכטער,
גיב דײַן שטים אין אונדזער כאָר,
זײַ אַ גוטע, פרומע מוטער,
פאַר־ן צוקונפטיקן דור.

שטאַרק און מעכטיק.....

ג.

צניעות פון דער מוטער שרה
און דער מוטער רבקה־ס גײַסט,
טרערן פון דער מוטער לאה
און דער מוטער רחל־ס טרייסט;
און דער מוטער חנה־ס תפילה
און דער שוועסטער יהודית שווערד —
היט דאָס אַלעס, היט אין לעבן
און אין האַרצן זײַ עס ווערט!

שטאַרק און מעכטיק.....

שמואל נאַדלער



# אילוסטרירטע הגדות של פסח

די הגדה, איז דאָס באַליבטסטע ספר אינים יידישן הויז.

ניסט קיין חידוש, קורם ווערט דאָס ספר באַנוצט אין דער פרייליכסטער נאַכט אין יידישן הויז. באַזונדער זע־נין די קינדער פול מיט פרייד, לייענינדיק, אין דער הגדה און הערנדיק זינגען די פאַרשידינע מעלאדיעס צו די שיינע פזמונים.



ארכיון אסופות

די אונטערשריפט פונים סופר, פון דער דאַרמ־שטעטער הגדה, אויף דער ערשטער טעקסט זייט

נאָך פון מיטל - אַלטער צייט, איז שוין געווען די הגדה, אַ ענין פאַר קינסט־לער, וועלכע האבן צו איר געשאַפן פאַרשידינע אילו־סטראַציעס. היינט צו טאָג זענען פאַראַן הונדערטער אַנטיקן פון אַזעלכע שיינע הגדות און גאָר אַ סך יקר־המציאות־ן.

דאָ געבן מיר אייניקע ביל־דער פון אַ גאָר באַרימטער אילוסטרירטער הגדה, באַ־קאַנט מיטן נאָמען „די דאַרמשטע־טער הגדה" די הגדה גופא געפונט זיך אין דער דאַרמ - שטעטער לאַנד-ביבלאָ־טעק. דער טעקסט איז מיט שיינע אַר־נאַמענטן פון דעם כתב פון סופר, וואָס האט די הגדה געשריבן, זע־ען מיר די שיינקייט פון דער שריפט פונים סופר. אויף אַלע בלע־טער זענען פאַרשידן פאַר־ביק די אילו־סטראַציעס. יוו



אינטערעסאנטע אילוסטראַציע פון דער דאַרמשטעטער הגדה

מען איז זיך משער איז די הגדה געשריבן געוואָרן מיט בערך פינף הונדערט יאָר צוריק. באַרימטע קינסטלער, וואָס האבן די



אַ סדר-נאַכט אין ווענעציק

הגדה געזעען, קאנען זיך נישט אָנלויבן פון דעם קינסטלערישן חוש, וואָס עס האט געמוזט האבן איר מאָלער און שרייבער, אַזוי דאָס נאָך פינף הונדערט יאָר צייט, איז די הגדה נאָך אַלץ אַ אויסערגעוויינטלעכער אוצר פון יידישער קונסט.

די הגדה, וואָס איז באַזונדער אַ ספר פאַר קינדער אין דער גאַנצער יידישער משפחה, ווערט דורך איר קינסטלערי־שער באַציִ־רונג אַנציענד און זייער שטאַרק באַ־טראַכט ביים סדר - טיש, אַזוי דאָס אַ אילוסטרירטע הגדה, גיט צו דעם סדר -



קניידלעך לכבוד פסח...

טיש אַ ספּעציעלן חן און פאַרשאַפט גרויס תענוג. אין די לעצטע צייטן איז דער דאזיקער מין הגדות כמעט נישט בנמצא. ס-זענען אבער דאָ פלטנער, ווי אַזוי דער פאַרלאַג „ב״י" זאל קענען אַ ויסגעבן איבער אַ יאָרן אַזאַ הגדה אויף יידיש און לאמיר האפן, אַז ביי דער מיטהילף פון אינדזער ברייטן לייענער-עולם, ווע ט דאָס אַמאָל געשען.

פאַרלאַנגט זאַמל-ביכלעך אויף אַבאָנענטן פאַרן בית-יעקב-זשורנאַל
וויכטיקע ביכער מתנות פאַר די זאַמלער!



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 5 מתוך 46

# דער רוף, וואָס איז דערהערט גיוואָרן

פון ד ר. יהודית ראזנבוים

מיר זענען זיך היינט משמח לכבוד דעם פינף־יעריקן יובל פון אונדזער שוועסטער־פאַראייניקונג. שטעלט זיך אבער די שאלה: צי זענען דען מיר נישט פון אונדזער גיבוירן אָן צוזאַמין יידישע שוועסטער? — יא, מיר זענין דאָס תמיד גיוועזן און מיר האָבן דערפון נישט גיוואוסט און אַ פשיטא שוין, דאָס מיר האָבן דאס ערשט מַרגיש גיווען, יעדע איינציקע האט זיך גילעבט אין איר ווינקל פאַר ז י ך אַ ל י י ן. און אַ סך הערצער פון יידישע טעכטער האט גיפלאַמט די ליבשאַפט צו תורה און יידישקייט, אבער עס האט גימוזט קומין דער גוטער ווילן און נאך מער דער כוח פון ארגאניזאַציע, בכדי דאָס אַלץ צוזאַמינצוגיסן און דערפון זאל ווערן דער גרויסער כוח פון דער באַוועגונג, וואָס רופט זיך „בנות אגודת ישראל".

אַ רוף איז דערהערט גיוואָרן: וואַכט אויף, קומט אין אונדזערע רייען, פון יענים טאָג אָן איז דערדאזיקער רוף אַלס כסדר גיוואָרן שטאַרקער און אָפהיליכיקער און מיר זעען ערשט אַצינד, וואָס דער דאזיקער קול־קורא האט אויפגיטון.

ווערט עס דען מעגלעך זיין, בייצוקומין די שוועריקייטן פון פירערשאַפט און מיטלין צו קענין אַזאַ גיוואַגטן בנין אויפשטעלן.

ביי דער גרינדונג־קאנפערענץ אין לאדזש איז אבער פון דער פאַנטאַזיע גיוואָרן אַ ווירקלעכקייט. מענטשן, וועלכע האבן זיך נאך קיינמאָל נישט גיזעען, האבן זיך גיקוקט פאַרחידושט אין די אויגן אַריין און דערקענט, אַז אַלע שטרעבן זיי צו איין ציל, און ביים גיזעגינין זיך האבן זיך אַלע די גיפילן צוזאַמיגישמידט און דערפון איז גיוואָרן אַ קרעפטיקער רצון, צו אַרביטן פאַר דער הייליקער אידעע.

אָבער חברות! פון דער מלוכה פון אידעען ביז דער מלוכה פון דער פשוטער ווירקלעכקייט איז אַ שווערער וועג.

שוועסטער! באַדענקט אייך! לאזט נישט אַוועקרייבן אייער אידעאַל דורך די נסיונות, וואָס מען מוז מיטלעבן ביי דער אַלטעגלעכקייט. זאל דער אָנדענק־טאָג פון יענער היסטארישער שעה זיין פאַר אונדז אַ התעוררות צו באַנייטער און פאַרשטאַרקטער אַרביט און שטאלץ מיט דער פאָן פון „בנות אַגודת ישראל"!

# שוועסטערלעכער פריינטשאַפט

פון חוה לאַנדסבערג, ווין

א פייערונג פון אַ יובילע־אום שטעלט זייער ערנצ־טע תביעות די חברות פון דער גיפייערטער ארגאַני־זאַציע... מיר דאַרפן זיך קודם־כל אָפגעבן אַ דין־וחשבון צי מיר האבן מיט גינוג כוחות גידינט אונדזער הייליקער זאַך.

שנית מוזן מיר שטענדיק האָבן פאַר אונדזערע אויגן דעם כלל אַז מ־טאָר נישט בלייבן שטיין אין מיטן וועג, נאר ווייטער ממשיך זיין די אונטערגינומינע אַר־ביט מיט פאַרטאפלטער ענערגיע.

עס שטעלט זיך די שאלה, וואָס האבן מיר דערגרייכט במשך די 5 יאָר? ווער עס לייענט דעם בית־יעקב־זשורנאַל, דער זעט דעם ענטפער. די ידיעות פונים כסדרדיקן אויפשטייג פון דער באַוועגונג במשך דער אָפגילאָפינער יובל־תקופה דערציילט אונדז גינוג פון דעם וואָס עס איז דערגרייכט גיוואָרן.

כדאי צו דערמאַנין דעם פראיעקט פון דער פרשה חומש, וואָס איז איינגיפירט גיוואָרן און דאָס איז דער סימן פון דעם כוח און חיות



תלמידות פון בית־יעקב סעמינאַר אין ווין

און שטאַרקע ציגיבינדנקייט צו תורה, וואָס עס האט די גאַנצע בנות אַגודת ישראל. איך וועל זיכער דערפרייען אַלע חברות איבערגעבנדיק זיי אַ פריילעכן גרוס פון ווין. כאַראַקטעריסטיש, איי־ראָפּא טוט נאך אייך, די בנות ישראל פון פוילישן יידנטום. אט אין דער בית־יעקב - סעמינאַר אין ווין, בעת דעם לעצטן ווינטער גיוואָרן אַ ציצואונגס - ארט פאַר צענדליקער יידישע מיידלעך פון מערב־איי־ראָפּע, וואָס וועלן זיין די גרינדער פון „בית־יעקב" און „בנות אַגודת ישראל" אויך דארט אין יענע צענטרן.

און טאַקע אין זייער נאָמין שיק איך אייך דעם האַרציקסטן אויס־דרוק פון שוועסטערלעכער־פריינטשאַפט, זאל הקב"ה אייך און אונדז שטאַרקן און געבן ברכה אין אונדזער עבודת הקודש.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# פון דעמלט ביז הייַנט

שרה שעניר ער

## (צום פינף יעריקן יובל פון בנות=אגודת=ישראל)

און ווידער א יובל-שמחה אין אונדזער באוועגונג. ס-קאן באלד זיין א ספק צי ס-איז אזוי גיזונט — כסדר צו פראוון שמחות. ס-קוקט אויס א שטייגער ווי מען וואלט ספעציעל אויס-גיזוכט יובילעאום-ס און — אז מ-זוכט גיפונט מען דאך.

אבער, ניין מיינע ליבע בנות-שוועסטער. נישט אזוי שטעל איך מיר פאר אונדזערס א יובילעאום-פייערונג. אסך ערנצטער באַ-טראכט איך דאס ענין פון אונדזערס א יובילעאום, ווי מ-קען מיינין.

פאר מיינע אויגן וויקלט זיך פונאנדער דאס בילד, פון מיין אנ-קומין פון ווין, מיין ערשטער רעפעראט אין קראקע פאר די פאר צענדליקער מיידלעך. נאך זעקס חדשים מיפולער ארביט האב איך דערזעען, אז מיט דערוואקסינע גייט שוין גארנישט צו מאכן, זיי האבן שוין זייערע אייגינע השקפות און איך זע, אז כ-וועל ביי זיי שוין גארנישט פועלן.

און שפעטער ווען איך נעם מיך צו די קליינע קינ-דערלעך, און מיין ארביט זיי צו ערציען מיט יידיש וויסן און רעליגיעזער התלהבות איז שוין נושא-פירות, קומין ערשט צו יך א טייל ... די עלטערע און קוקן מיט קנאה אויף די פריידיקע פנים-לעך פון די קליינע קינדער און אויך זיי ווילן אמת-ע יידישע טעכטער ווערן. איך גלייב אבער ווייניק אין זייער* רייד און ארביט כסדר ווייטער נאר אלץ ביי די קינדער און דא ב"ה איז די ארביט כסדר פול מיט מזל ברכה. (זע מיין טאג-בוך ב"י 42,40). ערשט אין יארן שפעטער שטעלן זיך צו דער ארביט בעטי ראט-שילד (פרוי ווערשנער) לאצע שטשעריינסקא (פרוי וואטשאזש) און זיי רופן אין ווינטער פ"ו א פארזאמלונג, צו וועלכע ס-קומין 350 מיידלעך און אט ערשט אצינד ווערט גיגרינדיט די „בנות אגודת ישראל. מיט התלהבות נעמין אלע אויף דאס פראגראם פון „ויעשו כולם אגודה אחת" און באלד דערנאך הערט זיך די פרייליכע בשורה פון דער גרינדונג-קאנפערענץ אין לאדזש.

צו דער קאנפערענץ קום איך נישט, הגם מיין הארץ איז איינ-גאנצן דארט... פארוואס? איך גלייב מיר נאך אלץ נישט צו, אז טאקע מיין שענצטער חלום ווערט דארט מקוים. איך בין אלץ נישט זיכער, אז שוין דא טאקע מיידלעך, דערוואקסינע, וואס גייען מיט אונדזער אידעאל. ווען איך נעם אבער אפ די גרוסן פון דער קאנפערענץ, איבערצייג איך מיך באלד, אז, ס-איז עפיס גרויסעס גישעען און עס וועט פון דעמדאזיקן צוזאמינפאר גי-שריבן ווערן דאס שענצטע בלאט אין דער אויפלעב-גישיכטע פון דער יידישער רעליגיעזער טאכטער.

איך דערמאן זיך: איינגאנצן א פאר שטעטלעך גיוועזן פארטרעטן. אבער דער ריזן-זאל וואו ס-זענין גיוועזן פארזאמלט א קרוב טויזנט יידישע פרויען און מיידלעך האט גיגעבן בטחון, אז ס שאפט זיך א גרויסע זאך. די עפנטלעכקייט חידוש-ט זיך דעמלט ווי אזוי די פארויצערן. א גיבילדיטע יידישע טאכטער פון מערב-אייראפע מאכט א-הפסקה צו מנחה-דאווינין. דער עולם שטוינט און קען זיך גארנישט אפדערציילן פון דעם „חידוש" און באלד זעען טאקע אלע, אז ס-סאיז נישט קיין קאטאוויס און ס-איז א שפראצונג פון א נייער וויכטיקער באוועגונג אין דער יידישער גאס.

דער צ. ס. וואס ווערט גישאפן אין לאדזש הייבט אן ארביטן מיט ערפאלג פאר דער באוועגונג. דער ב"י זשורנאל גייט ווידער ארויס און שוין אלס אפיציעלער ארגאן פון „בנות אגודת ישראל" און עס גידויערט ווידער נישט לאנג און מיר האבן שוין די צווייטע אימפאזאנטע בנות-קאנפערענץ אין לאדזש. און ערשט דא נישט לאנג די פאבינינצער קאנפערענץ אין יעצט גרייטן מיר זיך צום צענטראל-ראט צוזאמינפאר איןווארשע.

איך זע אז מיין חלום איז שוין ב"ה גאר א גרויס שטיק ווירקלעכקייט. טויזנטער יידישע טעכטער גיין מיט אונדזער פאלק, זענין גי-טריי אונדזערע הייליקטי-מער און נאך מער זע איך דאס בעת מיינע באזוכן אויף דער פראווינץ. איך איבערצייג זיך, אז אונדזער הייליקער גידאנק האט גי-פלאנצט טיפע שרשים אין דער מחנה פון „אונדזער יידישע שוועסטער.



גרינדונג-קאנפערענץ פון בנות-אגודה-ישראל כ"ב—כ"ג אדר פ"ר

נו, נאך פינף יאר ארביט, איז עס פארט א שטיקל שמחה און אויב נישט גאר א גרויסער און שיינער יום-טוב.

איך האלט אבער תמיד, אז יעדע שמחה אונדזערע מוז אויך מיט א שטיקל דין וחשבון פארבינדן זיין און וואס זאל זיין אצינד אונדזער חשבון הנפש?

שטאלץ מיטן יידישקייט! אט דאס פעלט נאך אסך פון אונדזערע חברות. מען שעמט זיך למשל צו וואשן צום עסן אין גיזעלשאפט, ווען די אנוועזנדע טון דאס נישט. און אזוי איז עס נאך ביי א סך אונדזערע מצוות. מען רעכנט זיך מיט קריטיק פון פרייע און עמי-הארצים.

עס גייט צו פסח און באלד וועט מען ארויסרוימין דאס חמץ פון דער יידישער שטוב. ביים רוימין דאס חמץ דארף מען אבער גידענקן, אז צוגלייך דערמיט מוז מען אויסרוימין דאס „חמץ" פון הארצן, דאס מיינט מען די שלעכטע גיוואוינהייטן, דעם יצר-הרע. מיין עצה איז, אז קודם זאל גילערנט ווערן פון אלע גרופן „מסילת ישרים" און דינים, אלע זאלן וויסן זייערע פליכטן אלס „בנות אגודת ישראל" אלס די טעכטער פון דער גרויסער אגוד, וואס איר אמת-ער ציל איז, אז ס-זאל מקוים ווערן דער, „ויעשו כולם אגודה אחת" לעשות רצינך בלבב שלם.

איך וויל נאך דא דערמאנין ווידער אמאל אונדזער חוב צום בית יעקב זשורנאל. עס פעלן שוין באמת אויס ווערטער וועגן דער זאך צו רעדן. נאר פארט מוזן מיר גידענקן אז: אם אין אני לי מי לי? וואו וואלטן מיר אויסגיזען אן דערדאזיקער טריבונע? ווער וואלט אונדז גיהערט און ווי אזוי וואלטן מיר ויקענט זיך צונויפרעדן? שוין צייט אז מען זאל דא עפיס טון און אצינד בעת שמחה איז דאך באמת דער פאסיקסטער מאמענט דערויף!



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# דער רוף, וואָס איז דערהערט געוואָרן

## פון דר. יהודית ראזנבוים

מיר זענען זיך היינט משמח לכבוד דעם פינף־יעריקן יובל פון אונדזער שוועסטער־פאַראיי־ניקונג. שטעלט זיך אבער די שאלה: צי זענען דען מיר נישט פון אונדזער גיבוירן אָן צוזאַמין יידישע שוועסטער? — יא, מיר זענין דאָס תמיד גיוועזן און מיר האבן דערפון נישט גיוואוסט און אַ פשיטא שוין, דאָס מיר האבן דאס ערשט מרגיש גיוועזן, יעדע איינציקע האט זיך גילעבט אין איר ווינקל פאַר זיך אַליין. און אַ סך הערצער פון יידישע טעכטער האט גיפלאַמט די ליבשאַפט צו תורה און יידישקייט, אבער עס האט גימוזט קומין דער גוטער ווילן און נאך מער דער כוח פון ארגאניזאַציע, בכדי דאָס אַלץ צוזאַמינצוגיסן און דערפון זאל ווערן דער גרויסער כוח פון דער באַוועגונג, וואָס רופט זיך „בנות אגודת ישראל״.

ארכיון אסופות

אַ רוף איז דערהערט גיווארן: וואַכט אויף, קומט אין אונדזערע רייען, פון יענים טאָג אָן איז דערדאזיקער רוף אַלס כסדר גיווארן שטאַרקער און אָפהיליכיקער און מיר זעען ערשט אַצינד, וואָס דער דאזיקער קול־קורא האט אויפגיטון.

ווען עס דען מעגלעך זיין, בייצוקומין די שוועריקייטן פון פירערשאַפט און מיטלין צו קענין אַזאַ גיוואַגטן בנין אויפשטעלן.

ביי דער גרינדונג־קאנפערענץ אין לאדזש איז אבער פון דער פאַנטאַזיע גיווארן אַ ווירקלעכקייט. מענטשן, וועלכע האבן זיך נאך קיינמאָל נישט גיזעען, האבן זיך גיקוקט פאַרחידושט אין די אויגן אַריין און דערקענט, אַז אַלע שטרעבן זיי צו איין ציל, און ביים גיזעגינין זיך האבן זיך אַלע די גיפילן צוזאַמיגישמידט און דערפון איז גי־ווארן אַ קרעפטיקער רצון, צו אַרביטן פאַר דער הייליקער אידעע.

אָבער חברות! פון דער מלוכה פון אידעען ביז דער מלוכה פון דער פשוטער ווירקלעכקייט איז אַ שווערער וועג.

שוועסטער! באַדענקט אייך! לאזט נישט אַוועקרויבן אייער אידעאַל דורך די נסיונות, וואָס מען מוז מיטלעבן ביי דער אַלטעגלעכקייט. זאל דער אָנדענק־טאָג פון יענער היסטארישער שעה זיין פאַר אונדז אַ התעוררות צו באַנייטער און פאַרשטאַרקטער אַרביט און ייטאלץ מיט דער פאָן פון „בנות אַגודת ישראל״!

# שוועסטערלעכער פריינטשאַפט

### פון חוה לאַנדסבערג, ווין

א פייערונג פון אַ יובילע־אום שטעלט זייער ערנצ־טע תביעות די חברות פון דער גיפייערטער ארגאַני־זאַציע... מיר דאַרפן זיך קודם־כל אָפגעבן אַ דין־וחשבון צי מיר האבן מיט גינוג כוחות גידינט אונדזער הייליקער זאַך.

שנית מוזן מיר שטענדיק האָבן פאַר אונדזערע אויגן דעם כלל אַז מ־טאָר נישט בלייבן שטיין אין מיטן וועג, נאר ווייטער ממשיך זיין די אונטערגינומינע אַר־ביט מיט פאַרטאפלטער ענערגיע.

עס שטעלט זיך די שאלה,

וואָס האבן מיר דערגרייכט במשך די 5 יאָר?

ווער עס לייענט דעם בית־יעקב־זשורנאַל, דער זעט דעם ענטפער. די ידיעות פונים כסדרדיקן אויפשטייג פון דער באַוועגונג במשך דער אָפגילאפינער יובל־תקופה דערציילט אונדז גינוג פון דעם וואָס עס איז דערגרייכט גיווארן.

בדאי צו דערמאַנין דעם פראיעקט פון דער פרשה חומש, וואָס איז איינגיפירט גיווארן און דאָס איז דער סימן פון דעם כוח און חיות און שטאַרקע ציגיבינדנקייט צו תורה, וואָס עס האט די גאַנצע בנות אַגודת ישראל. איך וועל זיכער דערפרייען אַלע חברות איבערגעבנדיק זיי אַ פריילעכן גרוס פון ווין. כאַראַקטעריסטיש, איי־ראָפא טוט נאך אייך, די בנות ישראל פון פוילישן יידנטום. אט איז דער בית־יעקב - סעמינאַר אין ווין, בעת דעם לעצטן ווינטער גיווארן אַ ציצואונגס - ארט פאַר צענדליקער יידישע מיידלעך פון מערב־איי־ראָפּע, וואָס וועלן זיין די גרינדער פון „בית־יעקב״ און „בנות אַגודת ישראל״ אויך דארט אין יענע צענטרן.

*



תלמידות פון בית־יעקב סעמינאַר אין ווין

און טאַקע אין זייער נאָמין שיק איך אייך דעם האַרציקסטן אויס־דרוק פון שוועסטערלעכער־פריינטשאַפט, זאל הקב״ה אייך און אונדז שטאַרקן און געבן ברכה אין אונדזער עבודת הקודש.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון a 067-068 הודפס מתוך הארכיון היהודי

# פון דעמלט ביז היינט

שרה שענירער

## (צום פינף יעריקן יובל פון בנות=אגודת=ישראל)

און ווידער אַ יובל-שמחה אין אונדזער באַוועגונג. ס-קאָן באַלד זיין אַ ספק צי ס-איז אַזוי גיזונט — כסדר צו פּראַוון שמחות. ס-קוקט אויס אַ שטייגער ווי מען וואָלט ספּעציעל אויסגיזוכט יובילעאום-ס און — אַז מ-זוכט גיפינט מען דאָך.

אבער, ניין מיינע ליבע בנות-שוועסטער. נישט אַזוי שטעל איך מיר פאָר אונדזערס אַ יובילעאום-פייערונג. אַסך ערנצטער באַטראַכט איך דאָס ענין פון אונדזערס אַ יובילעאום, ווי מ-קען מיינין.

פאַר מיינע אויגן וויקלט זיך פונאַנדער דאָס בילד, פון מיין אָנקומען פון ווין, מיין ערשטער רעפעראַט אין קראָקע פאַר די פאָר צענדליקער מיידלעך. נאָך זעקס חדשים מיפולער אַרבּיט האָב איך דערזעען, אַז מיט דערוואַקסינע גייט שוין גאָרנישט צו מאַכן, ווי האָבן שוין זייערע אייגינע השקפות און איך זע, אַז כ-וועל ביי זיי שוין גאָרנישט פּועלן.

און שפּעטער ווען איך נעם מיך צו די קליינע קינדערלעך, און מיין אַרבּיט זיי צו ערציען מיט יידיש וויסן און רעליגיעזער התלהבות איז שוין נושא-פּירות, קומין ערשט צו יך אַ טייל ... די עלטערע און קוקן מיט קנאה אויף די פריידיקע פּנים-לעך פון די קליינע קינדער און אויך זיי ווילן אמת-ע יידישע טעכטער ווערן. איך גלייב אבער ווייניק אין זייערע רייד און אַרבּיט כסדר ווייטער נאר אַלץ ביי די קינדער און דא ב"ה איז די אַרבּיט כסדר פול מיט מזל ברכה. (זע מיין טאָג-בוך ב"י 40, 42).

ערשט אין יאָרן שפּעטער שטעלן זיך צו דער אַרבּיט בעטי ראָטשילד (פרוי ווערשנער) לאַצע שטשעריינסקא (פרוי וואַטשאַזש) און זיי רופן אין ווינטער פ"ו אַ פאַרזאַמלונג, צו וועלכע ס-קומין 350 מיידלעך און אָט ערשט אַצינד ווערט גיגרינדעט די „בנות אַגודת ישראל. מיט התלהבות נעמין אַלע אויף דאָס פּראָגראַם פון „ויעשו כולם אגודה אחת" און באַלד דערנאָך הערט זיך די פריילעכע בשורה פון דער גרינדונג-קאָנפערענץ אין לאָדזש.

צו דער קאָנפערענץ קום איך נישט, הגם מיין האַרץ איז אינגאַנצן דאָרט... פאַרוואָס? איך גלייב מיר נאָך אַלץ נישט צו, אַז טאַקע מיין שענסטער חלום ווערט דאָרט מקוים, איך בין אַלץ נישט זיכער, אַז שוין דאָ טאַקע מיידלעך, דערוואַקסינע, וואָס גייען מיט אונדזער אידעאַל. ווען איך נעם אבער אָפּ די גרוסן פון דער קאָנפערענץ, איבערצייג איך מיך באַלד, אַז, ס-איז עפּיס גרויסעס גישעען און עס וועט פון דעמדאָזיקן צוזאַמינפאָר גישריבן ווערן דאָס שענסטע בלאַט אין דער אויפלעב-גישיכטע פון דער יידישער רעליגיעזער טאָכטער.

איך דערמאָן זיך: אינגאַנצן אַ פּאָר שטעטלעך גיווען פאַרטרעטן. אבער דער ריזן-זאַל וואו ס-זענין גיווען פאַרזאַמלט אַ קרוב טויזנט יידישע פרויען און מיידלעך האָט גיגעבן בטחון, אַז ס שאַפט זיך אַ גרויסע זאַך. די עפנטלעכקייט חידוש-ט זיך דעמלט ווי אַזוי די פאַרויצערן. אַ גיבילדיטע יידישע טאָכטער פון מערב-אייראָפּע מאַכט אַ-הפסקה צו מנחה-דאַווינין. דער עולם שטוינט און קען זיך גאָרנישט אָפּדערציילן פון דעם „חידוש" און באַלד זעען טאַקע אַלע, אַז ס-סאיז נישט קיין קאַטאָוויס און ס-איז אַ שפּראַצונג פון אַ נייער וויכטיקער באַוועגונג אין דער יידישער גאַס.

דער צ. ס. וואָס ווערט גישאַפן אין לאָדזש הייבט אָן אַרבּיטן מיט ערפאָלג פאַר דער באַוועגונג. דער ב"י זשורנאַל גייט ווידער אַרויס און שוין אַלס אָפיציעלער אָרגאַן פון „בנות אגורת ישראל" און עס גידויערט ווידער נישט לאַנג און מיר האָבן שוין די צווייטע אימפּאָזאַנטע בנות-קאָנפערענץ אין לאָדזש. און ערשט דאָ נישט לאַנג די פאַבּיניצער קאָנפערענץ אין יעצט גרייטן מיר זיך צום צענטראַל-ראַט צוזאַמינפאָר אין וואַרשע.

איך זע אַז מיין חלום איז שוין ב"ה גאָר אַ גרויס שטיק ווירקלעכקייט. טויזנטער יידישע טעכטער גיין מיט אונדזער פאָלק. זעגין גיטריי אונדזערע הייליקטימער און נאָך מער זע איך דאָס בעת מיינע באַזוכן אויף דער פּראָווינץ. איך איבערצייג זיך, אַז אונדזער הייליקער גידאַנק האָט גיפּלאַנצט טיפע שרשים אין דער מחנה פון „אונדזער יידישע שוועסטער.

נו, נאָך פינף יאָר אַרבּיט, איז עס פאַרט אַ שטיקל שמחה און אויב נישט גאָר אַ גרויסער און שיינער יום-טוב.



גרינדונג-קאָנפערענץ פון בנות-אַגודה=ישראל כ"ב—כ"ג אדר פ"ו

איך האַלט אבער תמיד, אַז יעדע שמחה אונדזערע מוז אויך מיט אַ שטיקל דין וחשבון זיין פאַרבּינדן זיין און וואָס זאָל זיין אַצינד אונדזער חשבון הנפש?

שטאַלץ מיטן יידישקייט! אָט דאָס פעלט נאָך אַ סך פון אונדזערע חברות. מען שעמט זיך למשל צו וואַשן צום עסן אין גיזעלשאַפט, ווען די אַנוועזנדע טון דאָס נישט. און אַזוי איז עס נאָך ביי אַ סך אונדזערע מצוות. מען רעכנט זיך מיט קריטיק פון פרייע און עמי-הארצים.

עס גייט צו פּסח און באַלד וועט מען אַרויסרוימין דאָס חמץ פון דער יידישער שטוב. ביים רוימין דאָס חמץ דאַרף מען אבער גידענקן, אַז צוגלייך דערמיט מוז מען אויסרוימין דאָס „חמץ" פון האַרצן, דאָס מיינט מען די שלעכטע גיוואוינהייטן, דעם יצר-הרע. מיין עצה איז, אַז קודם זאָל גילערנט ווערן פון אַלע גרופּן „הלכות ישרים" און דינים, אַלע זאָלן וויסן זייערע פליכטן אַלס „בנות אגודת ישראל" אַלס די טעכטער פון דער גרויסער אַגוד, וואָס איר אמת-ער ציל איז, אַז* ס-זאָל מקוים ווערן דער, ויעשו כולם אגודה אחת" לעשות רצינך בלבב שלם.

איך וויל נאָך דאָ דערמאָנין ווידער אַמאָל אונדזער חוב צום בית יעקב זשורנאַל. עס פעלן שוין באמת אויס ווערטער וועגן דער זאַך צו רעדן. נאר פאָרט מוזן מיר גידענקן אַז: אם אין אני לי מי לי? וואו וואָלטן מיר אויסגיזען אָן דערדאָזיקער טריבונע? ווער וואָלט אונדז גיהערט און ווי אַזוי וואָלטן מיר גיקענט זיך צונויפרעדן? שוין צייט אַז מען זאָל דאָ עפּיס טון און אַצינד בעת שמחה איז דאָך באמת דער פּאַסיקסטער מאָמענט דערויף!



הארכיון היהודי
ארכיון תקשורת

# צו דער מדרגה פון שלמות

## פון ריי‍זל ראזא

ווייל איז דעם גאָרטן, ווען עס קומט אויף אים אַ שטורם-ווינט, רייסט אויס זײַנע בײַמער, פארניכטיט זיינע בלומין-בייטן און קולטואווירטע פלאַנצן — און דעם גערטנער כאַפּט אַרום אַ יאוש אויף דעם חורבן.

אַנדערש איז אבער, ווען דער גערטנער ווערט נישט אָפּהענדיק. ער נעמט זיך מיט זײַנע פעסטע און זיכערע הענט צוריק אויפצובויען דאָס, וואָס דער שטורם האט חרוב גימאכט. ער צואַקערט אויפסניי די ערד, פלאַנצט איבער די בײַמער, וואַרפט. ווידער אַריין אין דער מאַמע-ערד די זריעה פון שמעקנדיקע בלומין און ער ווידער אין אַ צייט אַרום דערזעט ווי די מזל ברכה גייט ווידער אויף אויף זיינע פעלדער...

— — — — — — — — — — — — — —

אין אדר תרפ"ו זענין זיך אין לאדזש צונויפגיקומין די ערשטע פארקעמפערנס פון „בנות אגודת ישראל". דאָס בילד פון דער קאנפערענץ האט באַוויזן, אַז מיר האבן איבערגילעבט אַן-אינערליך גייסטיקן שטורם. קליין אין כמות אבער גרויס אינים רצון זענין גיוועזן די ערשטע פיאנערנס. ס'האט זיך גיפילט, ווי עס רוט אויף זיי די גרויסע מיסיע אויסצוטראָגן און אויסצוקריסטאַליזירן אַן-אידעע מיט אַ פעסטן און זיכערן פאַרנעם. און היינט מיט 5 יאָר שפּעטער קוקן מיר צוריק אויף דער אָפּגיטוועגער אַרבּיט. דאָס זענין גיוועזן 5 יאָר פון מסירת נפש-דיקער אַרבּיט, אַן-אומאויפהערלעכער קאַמף מיט דער ירידה און אַ כסדרדיקע מלחמה פאַר דער עליי. שווער, זייער שווער איז די אויפגאַבּע, דער וועג איז גיוועזן פול מיט כל-ערליי מכשולים. אבער דאָס אַלץ האט דאך נישט גיקאנט אָפּשוואַכן דעם פעלזן-פעסטן רצון און ענערגיע פון די אין וועמינס אויערן עס האט שטענדיק גיקלונגין דער רוף פון די חז"ל „המתחיל במצוה אומרים לו גמור" — האט איר אָנגיהויבן צו פלאַנצן דעם וויינגאָרטן פון ישראל, ווערט-זשע נישט מיד אין אייער אַרבּיט, און דערפירט זי צו דער מדריגה פון פאלקאמנהייט און שלימות.

פיל וועלן אפשר איראניזירן איבער דעם דאזיקן ווארט אין אָפּחוזק-ן פון דעם ווילן און שטרעבן צו שלימות. נישט פאַר אײַערע כּוחות וועט מען אונדז צו רופן פון פאַרשידינע זייטן און נישט פאַר אייער יכולת וועט מען אונדז וועלן איינרעדן פון פאַרשידינע ערטער, מיר האבן אבער נישט קיין סבה צו צווייפלין און אונדזער כּוח און אין דעם באַהאַלטינים יכולת און ענערגיע, וואָס עס ליגט אין אונדזער ווילן.

און 3 יאָר נאָך דער ערשטער היסטארישער קאנפערענץ, האבן מיר אין לאָדזש אָפּגיהאַלטן די צווייטע בנות-קאנפערענץ און שוין דאַן האבן מיר גיצײַלט אונדזערע רייען און גיזען, ווי אונדזערע מחנות פאַרגרעסערן זיך. ס'קלונגין נאך אין מיינע אויערן יענע דרייסטע טענער און באַוואוסטזיניקע פאדערונגין צו קעמפן מיט פאַראייניקטע כּוחות פאַרן שלימות.

אין לעבן פונים כלל דאַרף יעדער יחיד לאזן אויפגיין זיין „איך" פארן וואויל פון דער גיזעלשאפט. מ'דאַרף אין זיך האָבן יענע קראַפט צו באַזייטיקן פונים איך אַלע קליינלעכקייטן און זיי צו וואַרפן אויפן מזבח פונים כלל, און דאַן וועלן מיר זיכער מיט ג—טס הילף דער ירן אונדזער זאַך און טאַקע אויך זיך אַליין צו דער מדריגה פון שלימית.

# אַן-אַרבּיט לשם שמים

## פון שרה פעסא גוטמארגן

מען האט גימוזט אָנהייבן פון „בּראשית" און כּל התחלות קשות. שווער איז גיוועזן די אַרבּיט אויסצוגלייכן די פאַרקרומטע וועגן און אויסצושטייניקן די מסכּון-דיקע שטעגן און פריי מאַכן דעם הייליקן וועג פון דער תורה פאַר דער יידישער טאכטער.

דער גייסטיקער מצב פון דער יידישער טאכטער איז גיוועזן אַ שרעקלעכער און אַ מורא-דיקער, אַז אַפילו ביי די גרעסטע פירער פון אָרטאָדאקסישן יידנטום האט פאַרפעלט דער מוט צונויפצוזאַמלין די יידישע טעכטער אַרום דער פאָן פון דער תורה. נאר אַ דאנק דעם וואַרימין און דרייסטן רוף פון ה' פרידנזאן איז גיל נגין צונויפצורופן אַ קאנפערענץ, אין וועלכער ס'האבן זיך אויך באַטייליקט די אויסלענדישע געסט דר. דייטשלענדער דריימונק פון בערלין און פרל. ראטשילד פון ציריך א. א. איך גידענק נאך גוט די ווערטער פון ה. פ. אויף איינער פון די לעצטע זיצונגין אויף יענער קאנפערענץ: מיר טאָרן דעם מוט נישט פאַרלירן, מיר מוזן טון אונדזער זאַך, אפשר וועט גילונגין עפּס צו שאַפן!

אָרים און קליין איז גיוועזן יענע היסטארישע קאנפערענץ. אַרום און אַרום עטלעכע צוואַנציק דעלעגאַטנס פון דער פרעמד און אַ כך געסט פון לאדזש. אבער פון יענער באַשיידינער קאנפערענץ זענין מיר אַרויס גישטאַרקט און דערמוטיקט.

און אונדזער מח ה ציילט איצט אין די טויזנטער גיטרייע יידישע טעכטער, אַן ע"ה. אויף יענער קאנפערענץ איז גיליגט גיוואָרן דער ווינקל-שטיין פון אינדזער באַוועגונג, וואָס האט נאך ביז דעמלט אפילו קיין נאָמין נישט גיהאַט. ס'גידענקט זיך נאך מיר דער הייסער וויכּוח צווישן פרל. מאנדרא (היינט פרוי הערצאג) און פרל. ראַטשילד (היינס פרוי וורעשנער). דער וויכּוח איז גיגאַנגין אַרום דעם נאָמין פון אונדזער ארגאַניזאַציע, פרל. מאנדרי האט פארגילייגט, אַז די ארגאַניזאַציע זאל טראָגן דעם נאָמין „עזרא", ווייל אַזאַ ארגאַניזאַציע האט שוין דעמלט עקזיסטירט אין דייטשלאַנד. פרל. ראטשילד איז גיוועזן פאַר-ן נאָמין „בנות אגודת ישראל", וואָס איז טאַקע אַקצעפּטירט גיווארן פון אַלע דעלעגאַטנס.

„בנות אגודת ישראל" איז דעמלט אַרויס אויף דער גאס אַלס אַ נייע אומבּאַקאַנטע ארגאַניזאַציע. פיל שטיינער האט מען איר גילייגט אויפ-ן אַנטוויקלונגס-וועג. און איצט נאָך פיניף יאָר טעטיקייט האבן מיר ב"ה דערגרייכט צו אַ ברייט-פאַרצווייגטע אַרבּיט, וואָס האט אירע פעדים אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך אין פוילן. דאָס אי אַלץ, ווייל אונדזער אַרבּיט איז פול גיוועזן מיט מסירת נפש פאַר-ן אידעאַל און לשם שמים.

נאך 5 יאָר טעטיקייט קאנ ן מיר גאַנץ זיכער רואיק זײַן וועגן גורל פון אונדזערע שוועסטער, די יידישע טאכטער איז מיט אונדז, מיר האבן זי גיוויניגן!

ארכיון אסופות

# צוריק צום פאַרלוירענעם גן-עדן!

### פון אסתר ראזא

פינף יאָר זענען אַוועק זייט דער ערשטער, היסטאָרישער בנות-קאָנפערענץ אין לאָדזש. די בנות-אידעע איז נאָך דעמלט געווען אין איר עמבריאָנאַלן מצב, אין בעסטן פאַל — אַ נפש-ל אין די וויקעלעך. אַספּיראַציעס זענען טאַקע געווען גרויסע, אָבער אויסזיכטן-קליינע.

מיר ליגט נאָך גאַנץ גוט אין זכרון די ערשטע באַראַטונג, וואָס ס'האָבן איינגעאָרדנט די חברות פון פאַרט בילדונגס-קורס אין ראָבאָוו; אויפ-ן סדר-היום איז געשטאַנען זייער אַ שווער פּראָבלעם; וואָס זאָלן מיר טון מיט די שילערנס, אַז ווי זאָלן ווייטער נאָכן ענדיקן די שול בלייבן אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער אידעע. ביי אונדז גופא האָט עס אויך אויס געזען ווי אַ פאַנטאַזיע. האָבן מיר דאָך געלעבט אין אַ וועלט, וואו די יידישע פרוי האָט געוואָלט גילטן אַלס היפער-און איבער-מאָדערן, דער ערשטער תנאי פון דעם דאָזיקן „מאָדערניזם" איז דאָך געווען צו קוקן פון אויבן אַראָפּ אויפ-ן יידישקייט, ווי אויף אַן-אַלטע אָפּגעלעבטע זאַך, וואָס קאָן רואיק שומלין אין אַרכיוו. ביי זיך אינדערהיים, האָט מען נאָך ווי עס איז געפאָלגט וואָס דער טאַטע און מאַמע הייסט און געדאַוונט, געליינט אַ שטיקל פּרק פאַרן.. טאַטנס וועגן. אָבער איבער דעם געל-פאַרעלטערטן סידור און „צאינה וראינה" האָט געקיניגט דאָס וועלטלעכע בוך, דאָס ליטעראַרישע און אָפט מאָל פיל מאָל אַפילו אויך דער שונד-ראָמאַן, אַלס סימבאָל פון קולטור. וועלטלעכקייט, ציוויליזאַציע און פּראָגרעס...

ארכיון אסופות

אַ סך פון אונדז געדענקן נאָך מן הסתם זייער גוט די דאָזיקע צייט...

די מורא פאַר אויסלאַכן, אַז די וועלט וועט אונדז האַלטן פאַר „אַלט פרענקישע" אָפּגעלעבט און „פאַרצייטיש" איז געווען פיל שטאַרקער, ווי דער אינערלעכער דראַנג צום יידישקייט. יעדע יידישע טאָכטער האָט געשטרעבט דערצו, אַז מ-זאָל זי האַלטן פאַר אַ היינט וועלטיקע און מאָדערנע. און אויף דעם מזבח פון דעם דאָזיקן גולם האָבן זיי מקריב געווען דאָס יידישקייט.

איך געדענק ווען כ'בין ס-ערשטע מאָל אַרויסגעטרעטן אין לאָדזש רעדן וועגן אונדזער באַוועגונג האָט מען דעם גרינגער פון דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג געפרעגט האַלב איראָניש, האַלב ערנצט: „ווער וועט רעדן וועגן יידישקייט, אונדזערע האַלב-געשמדטע טעכטער וועלן אפשר רעדן דערוועגן?!" דער עולם האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט צוגלייבן, אַז מ-קאָן נאָך ביי דער יידישער טאָכטער דערוועקן אַן-אינטערעס פאַר דער תורה, פאַר דער טראַדיציע און פאַר-ן יידישקייט.

אַזוי האָט דעמלט אויסגעזען, אויף דער יידישער גאַס. מיר זענען געווען אַ הייפּעלע מענטשן, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט אַ „משוגענער" פאַנטאַזיע, אַ פאַנטאַזיע, וואָס האָט צום גליק אָנגענומען רעאַלע און געזונטע לעבנס-פאָרמען און מיר האָבן צונויפגערופן די ערשטע בנות-קאָנפערענץ, וואו די יידישע טאָכטער האָט צום ערשטן מאָל עפנטלעך פּראָקלאַמירט, אַז זי גייט צוריק אויף די אַלטע, אויסגעפּלאַסטערטע וועגן פון יידישקייט, און זי וויל שוין מער נישט זיין בבחינת יענע פּאַסטושקע, וואָס האָט זיך באַקלאָגט: שמוני נוטרה את הכרמים...

אויף דער ערשטער בנות קאָנפערענץ זענען זיך צונויפגעקומען יידישע טעכטער, לערערנס פון פאַרשידענע מקומות אין פּוילן. און שוין דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יעדע פון אונדז האָט געגעבן צו שטייער איר ציגל צום פונדאַמענט פון אַ פעסטער אָרגאַניזאַציע. כמעט אומיטום האָבן די לערערנס אָרגאַניזירט קלובן פון די עלטערע שילערנס און אַזוי אַרום זענען געשאַפן געוואָרן די קאַדרן פון אונדזער באַוועגונג.

פון דעמלט אָן זענען אַוועק 5 יאָר. פאַר דער געשיכטע פון אַ באַוועגונג איז דאָס זייער אַ קליינע תקופה. אָבער דאָס וואָס מיר האָבן שוין באַוויזן אויפצוטון קאָן שוין מיט זיך פאַרשטעלן אַ פעסטע און געזונטע באַזע פאַר אונדזער בנות-באַוועגונג. אָבער בלויז נאָר די באַזע, דער יסוד. איצט ערשט מוז מען זיך נעמען צו בויען דעם בנין. און דאָ ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר וועלן נאָך מוזן האָבן צו באַקעמפן זייער פיל מניעות און שוועריקייטן. קודם כל דאָס, וואָס די גאַנצע אַרבעט ליגט אויף דער בית יעקב לערערן, וואָס איז אַזוי אויך געניג פאַרנומען אין דער שול. און דאָ פאָדערט זיך דאָך אַזוי פיל אַרבעט: רעפעראַטן, צוזאַמענקונפטן, אויספלוגן, לערנען תורה ודרך ארץ כדי זיך אָפּצוגעוויינען פון די קליינלעכקייטן, אויפהערן צו געפעלן ווערן די גאַס און נישט קוקן, וואָס אַנדערע זאָגן. נאָר ציל-באַוואוסט גיין מיט דעם אייגענעם וועג.

איך מיין, אַז דערצו קענען צוהעלפן פאַרשידענע ביליקע אויסגאַבן פון קליינעם פאָרמאַט. אַז יעדער זאָל דערצו קענען קומען. די אויסגאַבן דאַרפן זיך שטעלן אַלס ציל צו פאַרפעסטיקן און טעאָרעטיש צו באַגרינדן אונדזער אידעע. און מיט פרייד קאָן איך צוגעבן, אַז די התחלה איז שוין געמאַכט געוואָרן, אַ פּרואוו פון אַזעלכע אויסגאַבן איז שוין דאָ, און זייער אַ געלונגענער פּרואוו. איך מיין דאָ די בראָשור פון ה' י. ל. אָרלעאַן „דער פאַרשוואונדענער גן-עדן". די דאָזיקע בראָשור איז ווי אַ הייל מיטל פון אַ גוטן כירורג צו אַ פאַרעלטערטער און פאַרוויטיקטער וואונד.

גוט איז אויך, וואָס די רעדאַקציע פון ב"י זשורנאַל האָט פאַרוואַנדלט אונדזער אָרגאַן אין אַ צוויי-וואָכנדיקן זשורנאַל. דאָס וועט זייער פיל צוהעלפן אונדזער אידעע בכלל ובפרט, וואָס בהדרגה וועט עס אונדז אויף אַן-אמתן צוריקברענגען דעם פאַרלוירענעם גן-עדן.

---

# דער קומענדיקער נומער בית-יעקב-זשורנאַל 69

## גייט אַרויס אי"ה אויף שבת פ' תזו"מ

אין דעם דאָזיקן נומער וועט זיך געפונען דער גענויער סדר היום פון צענטראַל-ראַט צוזאַמענפאָר אין וואַרשע.

אַלע חברות, וואָס ווילן זיך אַרויסזאָגן מיט מיינונגען און געבן פּלענער פאַרן צוזאַמענפאָר, ווערן געבעטן דאָס צוצושיקן שפּעטסטנס אסרו חג פסח. שפּעטער דערהאַלטענע וועלן נישט קענען געדרוקט ווערן.

---

די וואָס וועלן נישט אַרויסשיקן דעם חוב, וואָס קומט ביי זיי וועלן נישט באַקומען געשיקט דעם נומער 69.

דער נומער 33 פון „קינדער גאָרטן" גייט אַרויס באַלד נאָך פסח. אַלע וואָס ווילן באַקומען דעם „קינדער גאָרטן" מוזן ספּעציעל באַשטעלן!



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי



קרייז-קאנפערענץ פון בנות-אגודת-ישראל אין פולטוסק

ה׳—ו׳ שבט תר״ץ



פגישת-חברות פון בנות-אגודת-ישראל אין בעלכאטאוו

כ״ה—כ״ו שבט תר״ץ



...טער פירערן-קורס פון בנות-אגודת-ישראל אין ראבקע

מנחם אב תרפ״ט



הארכיון היהודי





צווייטער פירערן-קורס אין ראבקע ... אב תר״ץ



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# אתה בחרתנו

„לויט דעם אלטן נוסח“

דער יום טוב אויסגאבע פון
„בית יעקב זשורנאל“ א מתנה!

אתה בחרתנו טאטעניו,
דו האסט אונדז אויסגיקליבן.
און עד היום זענען יידן מיר,
דיין איינציק פאלק גיבליבן.

מכל העמים פון אלע פעלקער
אויף דער גארער ערד.
אהבת אותנו אונדז גיליבט
ורצית בנו אונדז באגערט.

ורוממתנו מכל הלשונות
פון אלע שפראכן אונדז דערהויבן,
וקדשתנו במצותיך
אונדז גיהייליקט מיט דיין גיבאט,
וקרבתנו מלכנו לעבודתך
אונדז דערנענטערט צו דיין גלויבן
דיר צו דינען גרויסער ג—ט...

ושמך הגדול והקדוש עלינו קראת
אונדז גירופן מיט דיין נאמין,
ישראל איז דאך גרויס און הייליק.
מה טוב, ווי גוט איז אונדזער חלק,
ווארן אתה בחרתנו זענען מיר
און דיר איינציקער דינען מיר!

אליעזר שינדלער

# אפאריזמען

## פון דר. נתן בירנבוים

**כל חמירא וחמיעא...** דאס איז דער חילוק פון זייער פרייקייט צו אונדזער פרייקייט, ביי זיי איז דער חמץ א גאנצער מיוחס פון אים נעמט זיך זייער פרייקייט ער רודערט אויף דעם בשר ודם אראפצואווארפן פון זיך דעם עול השמים. ביי אונדז איז דער חמץ „לבטול ולהוי כעפרא דא־עא“. מיר דארפן אים נישט. ווייל פריי ווערן הייסט ביי אונדז דווקא אויף זיך נעמין דעם עול השמים, ד. ה. אראפוואַרפן פון זיך דעם עול הארץ.

* * *

**עבדים היינו...** קנעכט זענען מיר גיוועזן צו פרעה אין מצרים, האט אונדז דער אייבערשטער באפרייט אצינד זענען מיר קנעכט גיווארן צו דעם פרעה אין אונדזער אייגענע הערצער, צו אונדזער מיאוסער תאווה און צו אונדזער נארישער גאווה, ווארט דער אייבערשטער. מיר זאלן כאטש אנהייבן, זיך אליין צו באפרייען, און ער וועט אונדז צוהעלפן.

* * *

**דינו...** אויב מיר וואלטן נישט גימאכט דאס עגל אין דער מדבר און נאר שפעטער אין ארץ ישראל גידינט דעם בעל און זיינע חברים אפגעטער — דינו, וואלט אונדזער זינד שוין גי-נוג גרויס גיוועזן; אויב מיר וואלטן נישט גידינט דעם בעל און זיינע חברים און נאר שפעטער זיך אריינגילאזט אין דער עבודה זרה פון מלכות יון-דינו, וואלט אונדזער זינד שוין גינוג גרויס גיוועזן; אויב מיר וואלטן זיך נישט ארייגגילאזט אין דער עבודה זרה פון מלכות יון און נאר שפעטער אין די צייטן פון מלכות אדום אסך מאל מחלל השם גיוועזן — דינו, וואלט אונדזער זינד שוין גינוג גרויס גיוועזן; אויב מיר וואלטן גאר קיינמאל נישט מחלל השם גיוועזן אין די צייטן פון מלכות אדום און נאר זיך אויסגיצייכנט מיט אונדזער היינטיקן הפקרות — דינו, וואלט אונדזער זינד שוין גינוג גרויס גיוועזן.

על אחת כמה וכמה טובה כפולה ומכופלת למקום עלינו: אי מיר האבן גימאכט דאס עגל אין דער מדבר, אי שפעטער אין ארץ ישראל גידינט דעם בעל און זיינע חברים אפגעטער, אי נאך שפעטער זיך אריינגילאזט אין דער עבודה זרה פון מלכות יון, אי וויי טער אין די צייטן פון מלכות אדום אסך מאל מחלל השם גיוועזן, אי היינט צייכינין מיר זיך אויס מיט אונדזער הפקרות — און ער האט נישט גיקוקט אויף אלימין, נאר ווייטער גילאזט גיוועלטיקן זיין גייסט צווישן אונדז, גילאזט אונדז בלייבן זיין אויסגיקליבן פאלק...

* * *

**לקרוא את ההלל.** דער אייבערשטער האט אונדז גיבאטן צו זאגן הלל, ווייזט אויס, א סברה, אז ער פרייט זיך מיט אונדזער לויב. נאר, פארשטייט זיך, נישט צוליב דעם כבוד וואס מ-גיט אים אפ, נאר ווייל די וואס לויבן אים מיט ערנצטקייט און ליבשאפט, דראפן זיך, קומין ממילא נענטער צו צו אים און זענין אזויערנאך נהנה פונים טייערסטן און הייליקסטן עונג פון דער וועלט.

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי



ערשטער פירערן־קורס פון „בנות־אגודת־ישראל" אין ראבקע

מנחם אב תרפ"ט



צווייטער פירערן־קורס אין ראבקע תמוז—אב תר"ץ



קרייז־קאנפערענץ פון בנות־אגודת־ישראל אין פולטוסק

ה'—ו' שבט תר"ץ



פגישת־חברות פון בנות־אגודת־ישראל אין בעלכאטאוו

כ"ה—כ"ו שבט תר"ץ



בנות־דעלעגאציעס
ביי דער פייערלעכער ערעפנונג פון
„ישיבת חכמי לובלין" סיון תר"ץ



צווייטער לאנד־צוזאמענפאר
פון „בנות" אין לאדז ט—י"א אייר תרפ"ט



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 068-067 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# אַתָּה בְחַרְתָּנוּ

„לויט דעם אלטן נוסח"

דער יום טוב אויסגאבע פון
„בית יעקב זשורנאל", א מתנה !

אַתָּה בְחַרְתָּנוּ טאַטעניו,
דו האסט אונדז אויסגיקליבן.
און עד היום זענען יידן מיר,
דיין איינציק פאלק גיבליבן.

מִכָּל הָעַמִּים פון אלע פעלקער
אויף דער גאַרער ערד.
אַהֲבַתָּ אוֹתָנוּ אונדז גיליבט
וְרָצִיתָ בָּנוּ אונדז באַגערט.

*

וְרוֹמַמְתָּנוּ מִכָּל הַלְּשׁוֹנוֹת
פון אלע שפראַכן אונדז דערהויבן,
ארכיון אסופות
וְקִדַּשְׁתָּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ
אונדז גיהייליקט מיט דיין גיבאט,
וְקֵרַבְתָּנוּ מַלְכֵּנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ
אונדז דערנענטערט צו דיין גלויבן
דיר צו דינין גרויסער ג—ט...

וְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ עָלֵינוּ קָרָאתָ
אונדז גירופן מיט דיין נאָמין,
ישראל איז דאָך גרויס און הייליק.
מַה טוֹב, ווי גוט איז אונדזער חֵלֶק,
וואָרן אַתָּה בְחַרְתָּנוּ זענין מיר
און דיר איינציקער דינין מיר !

אליעזר שינדלער

# אַפאָריזמען

## פון דר. בתן בירנבוים

כָּל חֲמִירָא וַחֲמִיעָא... דאָס איז דער חילוק פון זייער פרייקייט צו אונדזער פרייקייט, ביי זיי איז דער חמץ אַ גאַנצער מיוחס פון אים נעמט זיך זייער פרייקייט ער רודערט אויף דעם בשר ודם אַראָפּצואוואַרפן פון זיך דעם עול השמים. ביי אונדז איז דער חמץ „לבטול ולהוי כעפרא דא־עא". מיר דאַרפן אים נישט. ווייל פריי ווערן הייסט ביי אונדז דווקא אויף זיך נעמין דעם עול השמים, ד. ה. אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול הארץ.

* * *

עֲבָדִים הָיִינוּ... קנעכט זענין מיר גיוועזן צו פרעה אין מצרים, האט אונדז דער אייבערשטער באַפרייט איצינד זענין מיר קנעכט גיווארן צו דעם פרעה אין אונדזער אייגינע הערצער, צו אונדזער מיאוסער תאווה און צו אונדזער נאַרישער גאווה, וואַרט דער אייבערשטער. מיר זאלן כאטש אָנהייבן, זיך אליין צו באַפרייען, און ער וועט אונדז צוהעלפן.

* * *

דַּיֵּנוּ... אויב מיר וואלטן נישט גימאַכט דאָס עגל אין דער מדבר און נאר שפעטער אין ארץ ישראל גידינט דעם בעל און זיינע חברים אָפּגעטער — דינו, וואלט אונדזער זינד שוין גי־נוג גרויס גיוועזן; אויב מיר וואלטן נישט גידינט דעם בעל און זיינע חברים און נאר שפעטער זיך אַריינגילאָזט אין דער עבודה זרה פון מלכות יון — דינו, וואלט אונדזער זינד שוין גינוג גרויס גיוועזן; אויב מיר וואלטן זיך נישט אַריינגילאזט אין דער עבודה זרה פון מלכות יון און נאר שפעטער אין די צייטן פון מלכות אדום אַסך מאָל מחלל השם גיוועזן — דינו, וואלט אונדזער זינד שוין גינוג גרויס גיוועזן; אויב מיר וואלטן גאָר קיינמאָל נישט מחלל השם גיוועזן אין די צייטן פון מלכות אדום און נאר זיך אויסגיצייכט מיט אונדזער היינטיקן הפקרות — דינו, וואלט אונדזער זינד שוין גינוג גרויס גיוועזן.

על אַחַת כמה וכמה טובה כפולה ומכופלת למקום עלינו: אי מיר האבן גימאַכט דאָס עגל אין דער מדבר, אי שפעטער אין ארץ ישראל גידינט דעם בעל און זיינע חברים אָפּגעטער, אי נאך שפעטער זיך אַריינגילאזט אין דער עבודה זרה פון מלכות יון, אי ווייטער אין די צייטן פון מלכות אדום אַסך מאָל מחלל השם גיוועזן, אי היינט צייכינין מיר זיך אויס מיט אונדזער הפקרות —און ער האט נישט גיקוקט אויף אַלימין, נאר ווייטער גילאזט גיוועלטיקן זיין גייסט צווישן אונדז, גילאזט אונדז בלייבן זיין אויסגיקליבן פאלק...

* * *

לִקְרוֹא אֶת הַהַלֵּל. דער אייבערשטער האט אונדז גיבאטן צו זאָגן הלל, ווייזט אויס, אַ סברה, אַז ער פרייט זיך מיט אונדזער לויב. נאר, פאַרשטייט זיך, נישט צוליב דעם כבוד וואָס מ־גיט אים אָפּ, נאר ווייל די וואָס לויבן אים מיט ערנצטקייט און ליבשאַפט, דראַפן זיך, קומין ממילא נענטער צו צו אים און זענין אזויערנאָך נהנה פונים טייערסטן און הייליקסטן עונג פון דער וועלט.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# משה רבינו׳ס פטירה

## פון שלמה בירנבוים, האמבורג

דיין טויט איז איצט געקומען,
מוזט גיין היינט אין דער גרוב,"
האט ג—ט געזאגט צו משהן,
דעם געטרייען קנעכט פון זיין שטוב.
און משה האט געענפער־ט:
„א האר, ווי קען דאס זיין,
כ׳זאל טאקי מער נישט זען
דיין זון, דיין ליכט, דיין הייליקע שיין ?!

אוי, לאז מיך איצט נאך לעבן!
אין קבר וויל איך ניט גיין!"
„ס׳איז אדם אפילו געשטארבן,
באשאפן פון מיר אליין...
און דו ביסט געבוירן פון מענטשן".
„ער האט דיך נישט געהערט!"
„צי לעבט נאך אברהם דער צדיק?
אויך ער איז געפאלן פון מלאכס שווערד".

„ישמעאל איז א פאטער פון חוטאים!"
און יצחק? איז ער ניט
געלעגן אויף מיין מזבח,
מיר א קרבן צו ברענגען זיין בלוט?"
„זיין זון איז עשו דער רשע!"
„און יעקב? צוועלף זין
האט ער געפירט און גע׳ערנט,
זיי זאלן חסד און צדקה טון".

„צונ־אים האסטו אנטפלעקט דיך
אין סנה אפן הייליקן ארט!
ער האט די תורה באקומען,
אין פייער אף סיני דארט?"
„משה, מיין קנעכט, גענוג שוין,
דערמאן דיך אויך דיינע זינד!"
„מיין איין חטא זיי מיר מוחל!"
„זיי זענען מיין געווען, מיין קינדר".

איז משה אוועקגעגאנגען,
זיין בעטן האט זיך געהערט:
„איך בעט אייך, טוט פאר מיר תפילה,
אוי, מיט אייך, הימל און ערד!"
„מיר קענען פאר דיר נישט בעטן,
מיר זענען אליין ווי רויך".
סע ענפערן זון און שטערן:
„וואס איז גאר אונדזער גבורה און כוח?"

ער בעט ביי בערג און בערגלעך,
ער גייט צום ים אהין:
„וואס איז מיט דיר געווארן,
וואס איז דיר, ערמס זון?
דו געדענקסט נאך יענע צייטן,
ווען דו האסט מיך געשון א שמיץ
און מיינע וואסערן האבן
צוטיילט זיך פאר אייך אף גאסן א טויך"!

פארציטערט האט משה דערמאנט זיך
אין יענעם גרויסן וועג.
„אוי ווי, ווער קען מיר אומקערן
די דעמאלטיקע טעג!"

ער גייט צום שר־הפנים:
„בעט דו פאר מיר!" — „ס׳איז אומזיסט".
„האר, טו גענאד דיין עבד!
לאז בלייבן דאס קבר מיינס נאך פוסט!"

„איך קען און וויל ניט שטארבן,
איך וויל אין לאנד ארייין!
איך וויל די מצוות זיינע
פאר דיר מקיים זיין!"
„איך קען דיין הארץ און נשמה,
איך ווייס דיין ריינעם געדאנק
און כ׳רעכן דיר פאר צדקה
מיין קנעכט, דיין בקשה, דיין הייסן פארלאנג".

נאר כ׳האב געשוואוירן א שבועה:
„כ׳פארשנייד דאס פאלק ישראל —
האסטו געפועלט רחמים:
דו פאוערסט אזוינס נאך אמאל!
„דו פארסט נישט איבער דעם ירדן,
האב איך אויפגעהויבן מיין האנט:
אז דו ווערסט איצט בלייבן לעבן,
וועט דאס פאלק נישט גיין אריין אין לאנד."

„אויב אזוי, זאל איך און טויזנט
אזוינע פאלן טויט,
איידער איין מענטש פון דיין אומה
זאל ליידן די מינדסטע נויט. —
נאר שווער איז, ג—ט, דיין גזירה!"
„דיין צייט איז שוין פארביי,
ס׳האט איטלעכס דור זיין מנהיג,
איצט קומט יהושע, דיין תלמיד געטריי".

„איך בין געווען זיין רבי:
זיין תלמיד וועל איך זיין...
אין דער האנט פונים מלאך־המות
נאר גיב מיך נישט אריין!"
„זאל זיין!" — איז משה געגאנגען
אריין אין יהושעס געצעלט,
צו הערן זיין תלמידס תורה,
און שטיל זיך ביי דער טיר געשטעלט.

ג—ט בלענט יהושעס אויגן,
ער האט אים ניט דערזען,
ווען ס׳איז דאס פאלק געקומען,
א יאמער איז געווען:
„יהושע, ס׳שטייט דיין רבי,
יהושע, משה שטייט!"
„אוי, רבי מיינער, פאטער!"
מיט ווייטיג האט ער צוריסן זיין קלייד.

און ס׳זענען ביידע געגאנגען
אין אוהל־מועד צו ג—ט.
דער וואלקן־זויל האט געניטערט
און געהילט זיי אין זיין סוד.
ער איז ווידער פארשוואונדן געווארן,
און משה האט ג—ט נישט דערהערט.
„יהושע, וואס האט ער געהייסן?"
„איך טאר ניט דערציילן,
ער האט מיר פארווערט."

„איך האב געבעטן לעבן—
דעם טויט שוין בעט איך, אוי!"
ג—ט זאגט: „איצט גיי קיין מואב,
ארויף אויפן בארג נבו.
איך וועל דיר דארטן ווייזן
דאס גאנצע לאנד כנען,
און ס׳וועלן דיינע אויגן
אויך זען, וואס ס׳וועט אין ווייטן עתיד זיין.

ער קוקט אריין אין די צייטן,
ער זעט א רוייק לאנד,
א פאלק, וואס ארבעט גליקלעך,
מיטן אקער אין זיין האנט.
„אז וואויל איז—הערט ער זינגען—
צונ־א פאלק, אזוינס וואס האט!"
„אז וואויל איז—הערט ער ג—טס ענפער—
צונ־א פאלק, וואס איך בין געווארן זיין
ג—ט!"

ער זעט ג—טס שטוב אפן ציון —
דאס גאנצע פאלק פארט אהין,
ער זעט, ווי סע טוען עבודה
זיין ברודער אהרנס זין
סע שטייט דער כהן־גדול.
ער שרייט — דאס פאלק דערהערט
און פאלט מיט אפשיי כורעים,
באהאלט דאס פנים אף דער ערד.

נאר ווי, א שווארצער הימל,
אוי ווי, א פינצטערער צער:
די שונאים זענען אין שטאט שוין,
געקומען די צייט פונים גזר.
געוואלדן, געשרייען, הריגות,
פלאמיקער חורבן און שרעק!
פייער און רויך אין בית־מקדש —
דאס פאלק מוז גיין אין גלות אוועק...

און משה איז זיך מכין
דארט אויוון צו זיין כלות.
ס׳פאלט אף דער וועלט א שטורים —
די הימלען ווערן רויט.
און פלוצים פארבענקט ער זיך ווידער,
סע כאפט אים אן א גרויל,
און נייע תפילות רייסן
פון הארץ ארויף זיך צו זיין מויל.

און זיינע תפילות שניידן
ווי שפיזן שארף צום ציל
זיך דורך דורך אלע הימלען
אהין ביז צו ג—טס שטול.
און ערד און הימל־ציטערן
ווי הינדן אין געיעג,
די שטערן, זיי פארלירן
אין טומליניש צושראקן זייער וועג.

און ס׳שטורעמט אלץ זיין תפילה:
„דו מוזט מיך הערן, האר!

הארכיון היהודי

דערמאָן דיך מײַנע זכיות
און זײַ מבטל דײַן גזר!"
ג-ט זאָגט צו די מלאָכים:
„זײַן תפלה לאָזט ניט אַרײַן,
לאָז גאָר דעם הימלס טויערן
פאַרשפאַרט און פאַרהאַמערט איצטערט זײַן!

דערנאָך צום מלאך גבריאל:
„נידער אַראָפּ אַף נבו,
און ברענג מיר משהס נשמה,
איך וויל עס זאָל זײַן אַזוי".
„אוי ווײ צו משהס שטאַרבן!
ער האָט דאָך חן בײַ דיר...
איך קען זײַן טויט נישט צוזען.
סע זאָל נישט זײַן, מײַן האַר, דורך מיר."

„מיכאל, גיי, מײַן מלאך,
און זײַן נשמה ברענג".
„איך בין געווען זײַן רבי –
שיק מיך נישט, האַר, געדענק!"
„גיי דו שוין, סמאל, אַצינדערט
דאַרפסטו ניט וואַרטן מער,
צינד גיב דײַן לאַך, דעם גרויסן...
גיי, ברענג מיר משהס נשמה אַהער".

ער גורט זיך אָן מיט רציחה,
און נידערט אַראָפּ אויף דער ערד.
ס'בלאַנקט אין זײַן האַנט און סטראַשעט
די פלאַמענדיקע שווערד.
נאָר ווי ער קומט צו משהן,
נעמט פחד אים אַרום:
משה הייבט אויף די אויגן – שטום
דאָס זענען צוויי זונען, וואָס פרעגן אים

„ס'האָט ג-ט דײַן טויט געחתמעט.
גענוג, קיין שהיות מאַך!"
„העי, טראָג דיך אָפּ פון מיר!
איך זינג איצט צו ג-ט אַ שבח!"
„ג-טס לויב דערציילן די הימלען!"
„זיי וועלן שטומען פאַר מיר!"
דער מלאך מוז אַנטלויפן,
חײַל ג-טס שטעקן נעמט משה אָפּיר.

נאָר ווידער הייסט ג-ט אים ברענגען
די נשמה פון משהן, זײַן קנעכט.
דער מלאך האָט ווידער גענידערט,
נאָר געוואָרן פאַר אים איז דאָס שלעכט:
דער בליק פון משהס אויגן -
ער האָט אים די אויגן פאַרברענט.
„געדענק מיר סנה און סיני!
ניט גיב מיך, מײַן ג-ט, אין זײַנע הענט!"

„איך וועל אַליין איצט קומען,
ניט שרעק דיך, זײַ שוין גרייט."
ג-ט נידערט מיט דרײַ מלאכים,
גבריאל טראָגט אַ קלייד,
מיכאל און זגזגאל
ברענגען אַ מיטה אַראָפּ.
ס'איז משהס טויט געקומען,
ער גיט שוין זײַן נשמה אָפּ.

און ג-ט רופט משהס נשמה:
„מײַן טאָכטער, קום אַפיר!"
„מײַן ג-ט, דו האָסט מיך באַשאַפן,
און זײַן גוף געגעבן צו מיר,
און הונדערט-צוואַנציק יאָרן
אין אים מיך אַרײַנגעשטעלט –
איך וויל שוין ניט אַרויסגיין:
ניטאָ קיין ריינערער גוף אין דער וועלט".

די הימלען צעוויינען זיך ביטער,
דער ליכטיקער טאָג ווערט שוואַרץ:
„ווײ, משהס לעצטע רגע!
אָט שטעלט זיך אָפּ זײַן האַרץ!"
ער הײליקט זיך ווי אַ מלאך,
צום לעצטן מאָל פאַר ג-ט.
ג-ט טוט אַ קוש איצט משהן
און נעמט זײַן נשמה אַרײַן אין זײַן סוד.

# ביי אַ שבת-דיק גלעזל טיי

אַ פראַגמענט פון „די גאמבינערס"

פון וו. לייכטער און בנימין מינץ

שבת באַלד אינדערפרי, ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, דער עולם איז נאָך געשמאַק געשלאָפן פלעגט אַרײַנקומען צו איטשן דער אַלטער, ראובן-מרדכי. עס איז מיט דער צייט געוואָרן בײַ אים אַ חזקה, אַז שבת-טיי אויפן-ניכטערן מאָגן, צו טרינקען בײַ איטשע ר' יעקל'ס, געקומען איז ער דורכ'ן קוכן-גאַנג און נישט דורך דער „פאַראַדנע-טיר". דורך דער קוכן-טיר איז ער אַרײַן אָן אָנקלאַפּן אפילו; ער האָט שוין געהאַט זײַן סוד*, ווי אַזוי שטיל אַהינצוגיין, קיינעם נישט איבערצואוועקן. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צום גרויסן קופערנעם טיי-קעסל, וואָס האָט זיך דעם גאַנצן שבת-דיקן מעת-לעת געזידן אויף דער גאַז-מאַשינקע, פול מיט ליבשאַפט לכבוד שבת האָט ער אָפּגעטון די עבודה פון אַליין אָנגיסן זיך דאָס הייסע וואַסער.

טיי אין דער וואָכן איז עפּיס אַנדערש – פלעגט ער תמיד אײַנענען – און טיי אום שבת איז אויך עפּיס אַנדערש... מ-מוז דאָס קענען מרגיש זײַן...

ער האָט, שטאַרק פיינט געהאַט, אַז אַ צווייטער דערלאַנגט אים דאָס גלאָז טיי. דורך אַ צווייטן האָט ער ווי צו זײַן מזל קיינמאָל נישט באַקומען אַ פול גלאָז, אַזוי ווי דער כוס צו הבדלה.

– גיב אַ פולע „מאָס" – פלעגט ער זיך בעטן בײַ יענעם – זשאַליעווע נישט... און אַליין האָט ער זיך שוין דערפאַר תמיד אָנגעגאָסן ביז צום „אויג".

האַלטנדיק אין איין האַנט דאָס הייסע מחיה-דיקע גלעזל טיי און אין דער צווייטער אַ האַרט שטיקל צוקער, האָט ער מעשה שטובמענטש, מיט זײַן פעסטן רחבות-דיקן טריט אַרײַנגעשפּאַנט אין דער שטוב. מיט אַ צעאַקערטן קנייטש אויפ-ן שטערן, ריטמיש צושאַקלנדיק, מעשה מנצח, האָט ער אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז אויפ-ן טיש, אַרויסגעשלעפּט פון איין טאַש דאָס געבליטע נאָזטיכל און פון דעם אַנדערער טאַש דאָס טאַבאַק-שקעטעלע מיט די בריל האָט ער זיך ערשט אַוועקגעזעצט אָפּגעקרעכצט און אָפּגעהיסט, איידער ער האָט געגעבן דעם ערשטן שליק, פלעגט ער דורכן שיין פון פרימאָרגן, בכוונה אַדורכקוקן דאָס קרישטאָלינע לויטערקייט פון וואַסער. ער איז געווען זיכער, אַז אין דער דאָזיקער שבת-דיקער משקה, ליגט אַ טעם און תענוג פון עולם-הבא. געזופּט האָט ער מיט הפסקות, פּאַמעלעך, געמאַכט אַ חשבון הנפש. געטרונקען נישט נאָר פאַרן גוף נאָר אויך פאַר דער נשמה. שיעור נישט קיין תפלה.

ראובן מרדכי אַ שווער געבויט יידל, אַ ברייטע געדעכטע באָרד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון זײַן פּנים און פאַרשטעלט די שולטערן מיט די ברוסט-קאַסטנס. די באָרד איז בײַ אים געווען דער עיקר, דאָס פּנים טפל, עס האָט זיך ווי פאַרלוירן אינעם גרויסן האָר-קרייז, משונה-דיק גרויסע ברעמען האָבן אַראָפּגעהאַנגען איבער זײַנע ווימפּערן, נישט קיין נאַטירלעכע, ווי צוגעקלעפּטע, וואָס יינגלעך מאַכן אין פּורים. זײַנע גרינע אויגן זענען געווען דער פּלאַץ, וואו עס האָבן תמיד אַרומגעטאַנצט שדים-לעך פריילעך – צו להכעיס-דיקע.

און ווי איז געווען צו דעם, וואָס האָט דערפילט ראובן מרדכי-ס בליק, דעמאָלט, ווען ער איז געווען אין הקפדה.

אַליין אַ תלמיד פון ר' יהושע-לע קוטנער, איז ער אויך געווען אַ שטיק למדן. אין פון זײַן ברייט אויסגעצויגן אָרט רעדן, אפילו אין זײַנע שקאָצעריש-לומדישע ווערטלעך און מעשה-לעך, פלעגט ער אַרײַנ...ן מאַיעסטעט.

נאָך ראובן מרדכין האָט זיך אויף איטשע גאמבינער-ס שוועל, בײַ דער קוכן-טיר באַוויזן יוסל רובינהאַלץ. מיט באַהאַלטענער בושה

הארכיון היהודי

ארכיון אסופות



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# רעפלעקסן

(פון בוך „צו זיך אַליין") פון לייב פיינגאָלד

יא, אַנטקעגן רעכט אויף לעבן. —
און דערוועגן איז כמדומה מעגלעך צו זאָגן איינס:
אַלע אָן שום אויסנאַם האָבן די גיהעריקע רעכט
אויפ׳ן לעבן — אויף אַ גליקלעך לעבן! אַ פאַקט.
אַז דערצו זענען אַלע גלייכע מחותנים: אָרים און
רייך, שוטים ווי חכמים, יידן צי גוים, גלייביקע
גלייך איינס ווי ווי פושעים, מעג עס זיין דער עם-
הארץ צי דער תלמוד-חכם. אפילו דער אָמשרעק-
לעכסטער גישטראָפטער פון גורל, דער בלינדער —
די קאַליקע, וואָס זעט בכלל וכלל נישט די וועלט.
און אין בעסטן פאַל קען ער נאָר פילן דאָס אַוו-
מיקע לעבן — האָט ער די זעלבע רעכט צו אַ
גליקלעך לעבן, אַקוראַט ווי דער וואָס זעט דאָס
לעבן בחוש מיט זיין שאַרפן אויגן-בליק! און מעג
דער בלינדער פאַרלירן זיין שטעקן, וואָס איז תמיד
זיין איינציקער וועג-ווייזער — אַלץ איינס ווערט
אויף קיין איין האָר נישט גימינערט זיינע אַלע
לעבנס-רעכט!
דער וואָס לעבט נאָר האָט שוין במילא די רעכט
צום לעבן אַ גליקלעך לעבן, אַ לעבן פון שיר
השירים...
אָן ענין גיגליכן צו דער זון: פונקט ווי די זון,
באַשטראַלט אָן חילוק יעדעס ווינקל פון כדור הארץ,
מאַכט ליכטיק בתוכה דעם גאַנצן לעבנס-טאָג;
שענקט גלייכצייטיק איר ליכטיקייט צו מען וויל
יא, צו מען וויל נישט, שיקנדיק אירע שטראַלן אין
דער תפיסה אַריין, וווּ עס זיצן אפט איזאָלירטע
שווערע פאַרברעכער, וואַרפט מיט כוח איר ליכ-
טיקייט אויך אַרונטער די קראַט פון פאַרהעמטע
אַרעסט-שטיבלעך פון אויסוואורף. אַזוי אויך איז
דאָס לעבן: דאָס לעבן שענקט יעדן רעכט פון אים
צו גיניסן, מיט אים זיך מחותן צו זיין!
ווי אַ בליענדע בלום איז דאָס לעבן! עס איז ווי
אַ בלום, וואָס בליט ווייל זי בליט, ווייל אַזוי איז
דער ווילן פון בורא. און נישטאָ דער כוח צו זאָגן
און עס זאָל זיין אויספירבאַר: „בלום בלי נישט,
הייב אָן וועלקן!". אַזוי אויך קען מען נישט
זאָגן דעם לעבידיקן: „לעב נישט, לעב נישט-גליק-
לעך, הער אויף צו לעבן"...
אַלע, אויף וועמען נאָר דער [illegible] אַלע
די האָבן גלייכצייטיק רעכט אויפן לעבן, רעכט
אויף אַ גליקלעך לעבן!
זה הכלל: די אַלע, וואָס פריער צי שפּעטער ווערן
זיי גיפאַנגען דורכן מלאך-המות, האָבן ממילא דעם
זכות גליקלעך צו לעבן כל זמן דער מלאך-המות
דערגרייכט זיי נישט! — — —
אָט דאָס איז פון אייביק ביז אייביק דער כלל פון
רעכט אויף לעבן. —

לאָדז אדר תרפ״א

# בעלז

שמואל נאַדלער

## די נסיעה

העכער, העכער ווי תמיד העכגין הייַנט הימלין צוהעלטע,
פריער ווי תמיד צועפנט צו זאָגן „גוט מאָרגן" די וועלטן.
ווייסע, צובלישטשיטע פעלדער כוואַליען אויף בערג
און אויף כאַלן:
יומטובדיק גייט דאָס די ערד אַרויס פון דער מקווה קרישטאָלן,
הילט זיך אייַן אין דעם טלית שניי, כמנהג וותיקין,
מיט דער גאָלדינער עטרה: אַ זון פּאַס אויף בערגישן רוקן;
לייגט דעם של-ראש פון דער זון און וויקלט די וועגן של ידן,
הערסט אַ ציטער אין לופט? דאָס דאַוונט זי שחרית אַ וואָי.

און מיר פאָרן, מיר פאָרן. פליט פייל פון בויגן דער שליטן.
ס-איז אַ חתונה-וועלט-זאָל און יעדער פון אונדז אַ מחותן.
קוועלט-אויף פון אונטער ורגיץ. פון זעק, פון שטויי צי פון ענגשאַפט,
קוועלט-אויף אַ ניגון צוצויגן און טראָגט אין אין-סוף די בענקשאַפט,
גיסט זיך אַ קול מיט אַ קול, אַ זיפץ מיט אַ תנועה צוזאַמען,
שטורמיש ברעכט אויס אַ לכה-דודי, כאַפּט אַלעס אַרום, ווי מיט פלאַמען.
זינגען ביימער, זינגען שנייען און ס-זינגען גיבלוטן,
העי, ס-האָט באַוויליגט די קיניגן פריַיה צו באַוואוינען אַ שליטן!

אייַסעך, אַ פראָסט נעמט אַ שטאַרקער, אייַסעך די פיס אייַנגיקלעמטע:
אָט מיט דעם וועג, למשל, גיפאָרן איז דער בעל-שם-טוב!
און שבתי בוסקער דערציילט: ביי זיי איז אַן ערל דאָ, יאַסעק
איז ער דער פורמאַן גיוועזן; אַרום און אַרום האָט גיגאַסן,
ווי מיט ציבערס, דער רעגן, איז זיי אויף קיין טראָפּ נישט גיפאַלן!
ס-איז זייער רב אַליין גיוועזן אויף דער מעשה אַ בעל-זין,
ברענגט מען דעם ערל און דער: „אַפּוואַיִם וויד שוויטאָהאַ סרולקאַ."
נעמט מען ס-פלעשל: לחיים! טרינקט מען, פאַרבייסט מען אַ בולקע.

פליט דורך אַ דאָרף מיט אַ טומאה, וואַרפן שקצימלעך שניי נאָך;
האַלט מען אייַן פאַר אַ קרעטשמע, טרעפט מען וואַרימע טיי באַך.
גיט* מיט דער קרעטשמער אַ קוויטל: „און איר זאָלט אַלדאָס גוטס פועלן!"
זעצט מען זיך אויף, מ-פאָרט ווייטער, באַגלייט פון שנייאיקע קוילן,
אייַסעך, אויך מיר אַ דאגה, — מיט אונדז פאָרט די קיניגין חדווה!
טרעפט מען אַ פוסגייער שלעפט זיך: פונוואַנען אַ ייד? — „פון פיטעדווער"
— אַוודאי אים רבין? — „פאַרשטייט זיך, וואו דען גייט אַ ייד מיטן זעקל?"
זעצט ער זיך אויף און הײַדאַ! מיט ווינט און צוקלינגינע גלעקלעך!

## פרייטיק

און ס-איז שוין פרייטיק אין שטעטל. ווי אונטער דעם דאַכס שווערער טירחא
שטייען די הייזלעך גיבויגן. ס-אײַלן זיך יידן אין מרחץ.
קלאַפּט הכנותדיק שנעל דער דופק פון בלאָטיקע גאַסן.
ווייבער ליאַרמען בײַם ברונים. מ-מוז אַליין גיין ברענגען וואַסער
און נאָך גיזאָלצנס דאַצו. וואָס דער הייליקער ב״ח האָט פאַרשאַלטן,
כ-האָט דער וואַסער-פירער פאַרפירט זיי, אַז פירן מ-זאָל אים, דעם קאַלטן!
ערגיץ ווייַנט אַ גיצוואָגן קינד, דאָ האַקט מען די פיש אייַן,
דאָרט בענטשן ווייַסע און איידילע העגט די ליכט אויף טיש שוין.

כאַפּט מען די ווידינע בעקעשע, ס-שטריימל און אויבן דעם טליס,
פינקלט אַ קאַלט-בלאָער אָוונט. אַ שטערן באַווייזן אַפילו.
אייַלן פאַרשפּעטיקטע שוין אין די שולן און שטיל ווערן גאַסן;
יינגעלעך ליפן, טרייסלין-זיך פאות גיקרייזלטע, נאַסע,
און די פּראָסטיקע לופט שנייט-דורך, ווי אַ ליכט-סנאָפ פון חמימות:
ס-ברענט אין די אויגן, ווי שוואַרצע קויל, די נקודה פנימית...
בלאָזט אַ ווינטל פון פעלד, ווי אַ פאַך פון פליגל וואָס קישן;
שבת מלכתא קומט אָן קרוינין איר עמא קדישא!



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# פרײַטיק צונאַכטס

איז שוין די שול גיפאַקט, קיין שפּילקע נישטאָ וואו צו וואַרפן.
נאָר צו וואָס האט גיגעבן דער אייבישטער עלנבויגנס שאַרפע?
לאזט מען אין גאַנג זיי, נו, מיילן זיי כוואַליעס, ווי רודערס, און טאַרין,
שטופּס-זיך דורך אין דעם עולם פון טויזנטער, קיין עין-הרע.
רינט דער שווייס איבער די אויגן, נאָר קאַנסט אים נישט אָפּווישן, צוואַנגין
נעמען אַרום דײַנע הענט און דו ביסט אין דע קלעם ווי גיפאַנגין.
נאָר גילויבט השם יתברך דאַפאר, ביסט אין איבערשטע שורות,
וועסט זײַן נאָענט צום רבין און זען זײַן הייליקע צורה.

וואַרט מען... זאָגסט אָפּ שיר השירים און זינגנדיק יעדעס וואָרט קרויִנסטו,
שטעקסטו די הענט אײַן אין גאַרטל און הייבסט די אויגן אויף, שטוינסטו:
דאַכט זיך, אַ נשמה יתירה האָבן די ווענט דאָ אַפילו!
און בײַם פּרוכת, אין פאַלדן פון סאַמיט, ווינן זיך תפילות,
טוליען זיך צום אָרון-קודש, בעטן בײַ הייליקע תּורות...
בלישטשין שטיל קופערנע הענגלײַכטער, שײַנין סוד זילבערנע מנורות;
באַלד גיט דער עולם אַ וויג זיך מיט רעש, און ס-גייט אַזש אַ פאַרע,
לויפן דורך יושבים, שטופּן גבאים: אַ וואַרע! מאַכט וואַרע!

גייט דורך דער רבי מיט זריזות, כאָטש שוין פון אַלטקייט גיבויגן;
קנייטשט אין אַ שין זיך פון שדי זײַן שטערן צווישן די אויגן,
בלאַט אַן אָפּשײַן פון שטרײַמל אויף זײַן געל-פאַרמיטן פּנים *
ווײַט נאָר שיקן ווי טויבן צום הימל די אויגן כוונות.
ווי די שכינה וואָלט דורכגיגאַנגין מיט כּרובים אַ מחנה!
פאַלט אויפן וועג וואָונדערליכט, ווענדט זיך דער בליק אָפּ פאַר פּחד,
גייט ער צום עמוד צו, טוט אָן דעם טלית, אַ יראה פעלט וואַרטן:
פילט מען, מיר זענין נאָר אַלע זײַן הייליקער זײַדינער גאַרטל..

ווי אין אַן אויפרײַס פון טרערן, ברעכט אויס דער רב און אַ הודו,
ווערן הערצער צובראָכן... באַלד שאַלט אויף אַ לכה-דודי,
ווערן הערצער דערפרייט, און ס-גייט דער נגון ברבים!
ענדיקט מען ס-דאַווינען שנעל: גוט שבת, ייִדן, גוט שבת!
אײַלט מען אַהיים נו, און „שלום עליכם..." און „צאתכם לשלום"...
איז מען גישט מאריך בײַם קידוש און נישט בײַ די הייסע מאכלים,
זמירות זאָגט מען נישט. בענטשן אויך וועט מען בײַם טיש פונים רבין,
און מלויפט שוין אַהין... און די ווײַבלעך אַליין בלײַבן, נעבעך.

בלײַבן די ווײַבלעך אַליין... מ-האט נישט באַמערקט זיי אפילו!
נישט די פּעל-שטערנטיכלעך, נישט זייער ווײַסע אַצילות,
נישט דעם צנועות-דיק זוניקן שמייכל אויף ליכטיקן פּנים
מיט דעם זיבעטן חן צוגיטראָגן דעם מאַן אַ מתּנה.

. . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . :

נאָר נישט פאַרזינדיקן זיך... גילויבט דער שהשמחה במעונו!
עצבות? רחמנא ליצלן! בײַ קודשא-בריך הוא מיר וואוינין!
קומט דער צדיק אַרײַן און זאָגט שוין „שלום עליכם" —
בוימל פון מקור הרחמים גיסט און זײַן קול זיך. אין ווייכן
פונים באַצוואונגינים חומר איז ער גיוואָרן נתעלה,
שטייט ער הייליק און ריין אַקעגן זײַן הימלישער כלה
און ער איז זי מקדש כּדת און גיט איר די כּתובה:
ס-גאַנצע האַרץ און די גאַנצע נשמה האָט ער איר פאַרשריבן!

אתקינו סעודתא דמהימנותא... גרייט מיר די גלויביקע סעודה,
פונקלט דער ווײַן און די ליכט און איבער זיי הויכן יחודין,
ס-איז דער טיש אַ מזבח, די חלות — לחם הפנים.
און דער כהן גדול איז מקריב די זיבן-מאָל לויטערע כּוונה...
וועלבט זיך דען נישט איבער אונדז דער הימל, בלישטשין נישט שטערן?
יאָ, יונגט-מלמד מײַנער אוי גוט דו האָסט מיך גילערנט:
— קדושים תהיו... ס-טײַטש, פרעג איך קדושים? — הייליק. — ס-טײַטש הייליק?
— דאָס קען נאָר דער פאַרשטיין, וואָס אַליין דריניגן אַ חלק...

# קונסט און קריטיק

פון יחיאל פיינער

אויפשניידן דאָס גאָלד-באַפעדערטע העלול פון די אַכטיגאַל, און וועלן אָנטאַפּן איר גיזאַנג בידים; אויפליקן די רויז, די בלום, די כריזאַנטעם און וועלן מיט אַ פאַליפ-נאָז דערשפּירן איר דופט: למה הדבר דומה? צו אַ כירורג אין ווייסן כאַלאַט מיט אַ וויזוי? סעקציע-מעסער אין האַנט וואָס טרעט

צו פאַלמיסין די נשמה פון אַ ביכל לידער..

דאָס האַרץ פונים דיכטער, איז אַ קדשי-קדשים, א סודותדיק פאַרבאָרגן גיצעלט, וואוּאַהין ער זעלבסט קומט אויך נאָר דאָרט אַרײַן אין זעלטינע אויסגיבענקטע מינוטן. דאָרט הענגט אַ גאָלדינע סטרונע,

אַ לירע.

דאָס האַרץ פון דיכטער איז אַ בלאָער ים-שפּיגל, וואָס אַ ווײַטיק אויג דערקענט נישט ווען שטורמדיקע כוואַליעס וועלן זיך צורוישן און דער שפּיגל וועט

צו בראָגיט ווערן.

אַ קאָנצענטראַציע-רעזערוואָאַר, אַ קאַבל פון טויזנטער אָנגיקנופּטע פּצרים — איז דעם דיכטערס כּוח-הדמיון. ס-וועבט-זיך, ס-שפּינט-זיך, ס-פלעכט זיך: עפּיס האָט זיך אָנגיצינדן, עפּיס ברענט, אַ פייער,

אַ פלאַם, אַ פלאַקער! —

ס-איז דאָס מעכטיקע גיפיל פון אַ שאַפנדיקער

תקופה.

אַזוי ווערט דער דיכטער באַפרוכפּערט, מיטגריסן, און פאַרכלינט זיך ווי אַ דערטרונקינער אין ים פון גלאַקישער צעטרייסלונג. ער וויקלט זיך אין כוואַליס פון שאַפנדיקער סטיכיע. ער טרינקט דעם תוהו ובוהו פון אַ מעכטיק גיפיל. און ס-טוט אַ ציטער די גאָלדינע סטרונע אינים דיכטערס האַרץ. קלאַנגין צופליסן אין שטורמדיקע עמאַציעס. אַ גי-היימע האַנט נעמט אַראָפּ מיט פייערדיקע צוואַנגין די גליענדיקע קויל פון שאַפנדיקן מזבח, און באַרירט מיט איר די ליפּן פון קינסטלער. און טרייסט אים, און יאָגט אים ווי אַ מורא-דיקער פּאַטום. ער וואַרגט זיך אין אויסגיבענקטע יסורים פון די חבלי-לידה. עפּיס ציטערט אויף, ווערט רייף. אַ בליץ, רוחניות-

דיקער אָפּגלאַנץ, סוד-התקשרות...

און ס-פלאַצט אויף דעם דיכטערס טראַכט. אויפ-גיפראַלט די טירן פון זיין פאַרבאָרגינים קדשי-

קדשים —

דער דיכטער שפּײַט אויס אַ ליד...

און קומט צו גיין אַ קריטיקער מיט לאַנישע כראַסט-קיס אין זיינע גיהירן, מעג ער האָבן אַ שטאָלינים מות מיט צען טויזנט גיציינדלטע רעדלעך אין קאָפּ, קוים קאָן ער נישט איבערלויפן דעם דיכטער צום העכסטן שפּיץ פון זײַן גאָלדינער פּײַל, זאָל ער ווײַן

וואַרט צורײַבן אונטער די ציין!

קריטיק הייסט: איבערדיכטן דאָס ליד פון אַ פרעמדן חלום, קאָן אבער דער קריטיקער נישט אַ דורכדרונגין דעם בלאָען שפּיגל פון דיכטערס נשמה; אויב קאָן ער זיך נישט אַראָפּלאָזן אונטער די שטורמ-דיקע כוואַליעס פון דיכטערס שעפערישן גייסט און דאָרט זען די חזיונות פון אַטאָם; דעם עמבריאָלאָ-גישן סדר! דעם שמן-זית, וואָס ברענט אין דער

מנורה פון דיכטערס נשמה —

אַזאַ קריטיקער זאָל די פּען ברעכן!

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי

# אַלבאָם פון ישיבת חכמי לובלין

## (ביבליאָגראַפישע נאָטיץ)

**אַ פנים חדשות** — „אַלבאָם פון ישיבת חכמי לובלין". זענען געוואָרן באַרייכערט די אָרטאָדאָקסיש-ליטעראַרישע פּאָליצעס מיט נאָך אַ חשובן עקזעמפּלאַר. זענען געוואָרן וואָגיקער די אַלגעמיינע אַלבאָם-רייען, אַ אָרטאָדאָקסישער אַ באָם. מיר געפינען דאָ כל-ערליי בילדער, וואָס האָבן אַ שייכות צו „ישיבת חכמי לובלין" געשאַפן דורך דעם גאון אַלן הרב שפּירא, אין דעם אַלבאָם זעען מיר אַלע בילדער, אין די פאַרשידענע תקופות, פונים גרונטשטיינבוין חנוכת הבית. אַ אמת-ן תענוג פאַרשאַפט דער אַלבום יעדעס איינ, וואָס איז מעין דערין. מי באַקומען אַזוי אַרום גלייכצייטיק די מעגלעכקייט צו זעען וויניקסטנס די ישיבה פון דער ווייטנ.

הארכיון היהודי

איז דאָך ערשט נישט לאַנג געשטאַנען דער, כלל ישראל מיט אַ געבויגענים קאָפּ פון דרך ארץ פאַר דעם תפארת-דיקן ווערק פון גרויסן מייסטער, וואָס רופט זיך הרב שפּירא דורך זיין שאַפן אַזאַ הערלעך ישיבה-בנין הן אין פּראַזאַאישן זין, הן אין פּאָעטישן זין, פאַרשאַפט ממילא אַ נחת-רוח דעם זעלבן כלל ישראל צו האָבן די מעגלעכקייט אַז די העתקה פון דעם בנין, זאָל פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דער ספרים-שאַנק.

דער אַלבאָם איז שיין און עסטעטיש אַרויסגעגעבן, קלאָר און לעבעדיק זענען אַלע בילדער, אַזוי אַז איין בליק דערין, און עס ווערט דייטלעך די מיזאַמע אַרבעט פונים אַרויסגעבער ה. גורמאַן.

**ל. יאַ רבזאָן**

# שבת איינדערפרי

טאַטע אין הימל! זע, כ'גיי אַרויס פון דער מקווה דער קאַלטער,
בלאָ איז דער מאָרגן און ס'נעמט אַ פראָסט, אַז בוימער זיך שטאַלטן.
כ'בין מיך מודה ומתוודה: איך בין אַהער אַט געקומען
און אין מיין האַרץ האָט געלאַכט און געהוזקט דער ליך פון דער טומאה:
— שוטה, וואָס ווערסטו דאָרט זען ביי די ברודיקע, ווילדע אַזיאַטן
אַ חוץ קאַפּאָטעס און בלאָטעס? — פאַרגיב עס מיר, הימלישער טאַטע!
איך דיין אומווערדיקער קנעכט און דינער, שמואל בן זיסל,
האָב געזינדיקט אַ קעגן דיין פּראַכט, וואָס איבער מיין תפיסה.

טאַטע אין הימל! אַ לויב דיר אין אַלע וועלטן און צייטן!
ווייל דו האָסט מיך, אַזוי ווי אַ נישט-וויסנדיק קינד וואָס פאַרשייט
אַרויסגעפירט פונים תהום צו דיין ליכט און איך זע עס און הער עס,
און ס'האָט דער חסד אַנטפּלעקט מיר דיין אומענדלעך תפארת.
וואָס איז אַ מלכות דען ווערט, אַחוץ דעם מלכות פון האַרצן?
וואָס איז זילבער און גאָלד, אויב נישט זיינע פריידן און שמאַרצן?
וואָס זענען פייער און פלאַם אין פאַרגלייך מיט זיין געטלעך התלהבות?
שטערן, מזלות וואָס זענען, אַ קעגן זיין מזל אהבה?!

טאַטע אין הימל! איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר פון טיפער נשמה;
כ'וועל אין איר ווערים באַהעלטעניש היטן דיין ליכטיקן זאָמען
און כ'וועל דערציילן מיין ברודער מענטש און דיין הייליק שליחות:
נישט אין פּאַלאַצן וואוינט גליק און נישט אויף טעפּיכער זוך עס,
נישט אין זאַלן פון טאַנץ — — ס'איז דאָ אַ שטילע מדינה,
בליען אייביק דאָרט פרילינגען, אייביק זומערן גרינען,
זינגען דאָרט פייגל, אַלעס צופריט זיך אין ים פון נגינה,
ס'איז דאָ אַ שטילע מדינה — תחת כנפי השכינה...

(ווייטערדיקע קאַפּיטלען — זע נומער 69)

# ראש-השנה ביי די ביימער*)

## פון נטע ירוחם בערלינער

*

ארכיון אסופות

**חמשה עשר בשבט**

איינגעהילטע אין ווייסע קיטלען מיט אויפגעהויבענע דאַרע הענט צום הימל זענען געשטאַנען די ביימער און שטיל געשעפּטשעט אַ תפלה... און איבער זייערע קעפּ איז געהאַנגען אַ פאַרכמורעטער אָנגעברוגזטער הימל...

אין מיט-ן איז געשטאַנען דער „בעל-תפלה", אַן-אַלטער הויכער בוים, דער קאָפּ שוין אַביסל געבויגן פון אַלטקייט, און פון צייט צו צייט האָט ער געלאָזט פאַלן אַ טרער...

ראש השנה ביי די ביימער!

פרום האָבן זיך געשאָקלט די שלאַנקע און שטאָלצע סאָסנעס. די דיקע צוצווייגטע דעמבעס האָבן געציטערט פאַר פחד, — עס האָט געציטערט דער וואַלד און עס האָט געציטערט דער גאָרטן:

אַט ווערט אָנגעשריבן דער גזר-דין! —

— ווער עס זאָל בלייבן לעבן און ווער עס זאָל אומקומען, ווער עס זאָל בליען און ווער עס זאָל פאַרדאַרט ווערן, ווער עס זאָל אומקומען דורך פייער און ווער דורך וואַסער, ווער דורך אַ שטורעם-ווינט און ווער דורך דער האַק..

און די מאַמע-ערד?...

אַט ליגט זי דאָ צופיסנס, אין אירע תכריכים, אַ טויטע... אַ טויטע און אַ קאַלטע... וועט זי נאָך אויפלעבן? וועט זי נאָך קענען דערנערן אירע ביימער-קינדער?...

אַ שטיל געריש איז אַדורכגעגאַנגען אין דער ביימער-מחנה. די ביימער האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעוויגט. די שטאָלצע סאָסנעס האָבן, דאַכט זיך, נאָך מער געבויגן זייערע קעפּ מיט הכנעה פאַר-ן בורא עולם... אַט, דאַכט זיך, פאַלן זיי שוין „כורעים" און אַט הייבן זיי זיך אויף...

און מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל, אַ פאַרגליווערטע שטילקייט האָט באַהערשט וואַלד און גאָרטן. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַט-אַט דאַרף עפּיס געשען...

און ווירקלעך איז עפּיס געשען.

אויפ-ן בלייענים הימל האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אַ העל פּינטל, און באַלד איז אויסגעוואַקסן אַ ליכטיקער קאָפּ איינגעפּאַסט אין אַן-אַרעאָל...

דער קאָפּ האָט וואַרים און מיט אַ ליכטיקן שמייכל באַגריסט וואַלד און גאָרטן:

— זייט געגריסט, ליבע ביימער! — האָט דער ליכטיקער קאָפּ אויסגערופן מיט פרייד — איך האָב אייך געבראַנגט אַ גרוס, אַ וואַרימען גרוס פון אייערע ברודער אין ארץ-ישראל. דאָרט קומט שוין אָן דער פרילינג, דאָרט בליט שוין אַלץ, אַלץ דערוואַכט צום לעבן: דער ווייַן-שטאָק, די פּאַלמע, דער טייטל-בוים און דער פייגן-בוים... נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג — און דער פרילינג וועט אויך זיין אַ גאַסט ביי אייך אין לאַנד...

די ביימער זענען געבליבן שטיין צוחושטע און פאַרגאַפטע.

— איז דען דאָס מעגלעך? וועט נאָך אַמאָל קומען דער פרילינג? וועלן נאָך אַמאָל די זון-שטראַלן, ווי מיט אַ וואַרימער מאַמע-האַנט, גלעטן טרייסטנדיק אונדזערע אין יאוש געבויגענע קעפּ? וועלן זיי נאָך אַמאָל דערוואַרימען אונדזערע געפרוירענע גלידער?...

ווי באַרירט פון אַ לייכטן מורח-ווינטל, האָבן זיך די ביימער ווידער-אַמאָל צעוויגט און זענען פאַרגאַנגען אין אַ הייסער תפלה:

— רבונו-של-עולם! — האָט דער אַלטער בעל-תפלה געבעטן און

(סוף אויף זייט 41)

*) צוליב אַ טעכנישער סבה געבן מיר דאָס ערשט אין הײַנטיקן נומער.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# אַתָּה בְחַרְתָּנוּ

„לויט דעם אלטן נוסח"

דער יום טוב אויסגאבע פון
„בית יעקב זשורנאל" א מתנה!

אַתָּה בְחַרְתָּנוּ טאַטעניו,
דו האסט אונדז אויסגעקליבן.
און עַד הַיוֹם זענען יידן מיר,
דיין איינציק פאלק געבליבן...

מִכָּל הָעַמִּים פון אַלע פעלקער
אויף דער גאַרער עֶרד.
אָהַבְתָּ אוֹתָנוּ אונדז געליבט
וְרָצִיתָ בָּנוּ אונדז באַגערט.

הארכיון היהודי

וְרוֹמַמְתָּנוּ מִכָּל הַלְּשׁוֹנוֹת
פון אַלע שפּראַכן אונדז דערהויבן,
וְקִדַּשְׁתָּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ
אונדז געהייליקט מיט דיין געבאט,
וְקֵרַבְתָּנוּ מַלְכֵּנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ
אונדז דערנענטערט צו דיין גלויבן
דיר צו דינען גרויסער ג—ט...

וְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ עָלֵינוּ קָרָאתָ
אונדז גערופן מיט דיין נאָמען,
ישראל איז דאָך גרויס און הייליק.
מַה טוֹב, ווי גוט איז אונדזער חֵלֶק,
ווארן אַתָּה בְחַרְתָּנוּ זענען מיר
און דיר איינציקער דינען מיר!

אליעזר שינדלער

# אַפּאָריזמען

פון **דר. נתן בירנבוים**

כָּל חֲמִירָא וַחֲמִיעָא... דאָס איז דער חילוק פון זייער פרייהייט צו אונדזער פרייהייט, ביי זיי איז דער חָמֵץ אַ גאַנצער מיוחס פון אים נעמט זיך זייער פרייהייט. ער רודערט אויף דעם בשר ודם אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם עול השמים. ביי אונדז איז דער חמץ „לבטול ולהוי כעפרא דא־עא". מיר דאַרפן אים נישט. וויַיל פריי ווערן הייסט ביי אונדז דווקא אויף זיך נעמען דעם עול השמים, ד. ה. אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול הארץ.

* * *

עֲבָדִים הָיִינוּ... קנעכט זענען מיר געווען צו פרעה אין מצרים, האט אונדז דער אייבערשטער באַפרייט. אצינד זענען מיר קנעכט געווארן צו דעם פרעה אין אונדזער אייגענע הערצער, צו אונדזער מיאוסער תאווה און צו אונדזער נאַרישער גאווה, ווארט דער אייבערשטער. מיר זאלן כאטש אָנהייבן, זיך אליין צו באַפרייען, און ער וועט אונדז צוהעלפן.

ארכיון אסופות

* * *

דַּיֵּנוּ... אויב מיר וואלטן נישט געמאַכט דאָס עגל אין דער מדבר און נאר שפּעטער אין ארץ ישראל געדינט דעם בעל און זיינע חברים אָפּגעטער — דיינו, וואלט אונדזער זינד שוין גענוג גרויס געווען; אויב מיר וואלטן נישט געדינט דעם בעל און זיינע חברים און נאר שפעטער זיך אַריינגעלאזט אין דער עבודה זרה פון מלכות יון - דיינו, וואלט אונדזער זינד שוין גענוג גרויס געווען; אויב מיר וואלטן זיך נישט אַרייגגעלאזט אין דער עבודה זרה פון מלכות יון און נאר שפעטער אין די צייטן פון מלכות אדום אַסך מאָל מחלל השם געווען — דיינו, וואלט אונדזער זינד שוין גענוג גרויס געווען; אויב מיר וואלטן גאָר קיינמאָל נישט מחלל השם געווען אין די צייטן פון מלכות אדום און נאר זיך אויסגעצייכנט מיט אונדזער היינטיקן הפקרות — דיינו, וואלט אונדזער זינד שוין גענוג גרויס געווען.

עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה טובה כפולה ומכופלת למקום עלינו: אי מיר האבן געמאַכט דאָס עגל אין דער מדבר, אי שפעטער אין ארץ ישראל געדינט דעם בעל און זיינע חברים אָפּגעטער, אי נאך שפעטער זיך אַרייגגעלאזט אין דער עבודה זרה פון מלכות יון, אי ווייטער אין די צייטן פון מלכות אדום אַסך מאָל מחלל השם געווען, אי היינט צייכענען מיר זיך אויס מיט אונדזער הפקרות — און ער האט נישט געקוקט אויף אַלימען, נאר ווייטער געלאזט געוועלטיקן זיין גייסט צווישן אונדז, געלאזט אונדז בלייבן זיין אויסגעקליבן פאלק...

* * *

לִקְרוֹא אֶת הַהַלֵּל. דער אייבערשטער האט אונדז געבאטן צו זאָגן הלל, ווייזט אויס, אַ סברה, אַז ער פרייט זיך מיט אונדזער לויב. נאר, פאַרשטייט זיך, נישט צוליב דעם כבוד וואס מ־גיט אים אָפּ, נאר ווייל די וואָס לויבן אים מיט ערנצטקייט און ליבשאַפט, דראַפּן זיך, קומען ממילא נענטער צו צו אים און זענען אַזויערנאָך נהנה פונים טייערסטן און הייליקסטן עונג פון דער וועלט.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי עמוד 21 מתוך 46

# משה רבינו'ס פטירה

פון שלמה בירנבוים, האמבורג

דיין טויט איז איצט געקומען,
מוזט גיין היינט אין דער גרוב.״
האט ג—ט געזאגט צו משהן,
דעם געטרייען קנעכט פון זיין שטוב.
און משה האט געענפערט:
„א האר, ווי קען דאס זיין,
כ׳זאל טאקי מער נישט זעען
דיין זון, דיין ליכט, דיין הייליקע שיין ?!

אוי, לאז מיך איצט נאך לעבן!
אין קבר וויל איך ניט גיין !״
„ס׳איז אדם אפילו געשטארבן,
באשאפן פון מיר אליין...
און דו ביסט געבוירן פון מענטשן״.
„ער האט דיך נישט געהערט !״
„צי לעבט נאך אברהם דער צדיק!
באויך ער איז געפאלן פון מלאכס שווערד״.

„ישמעאל איז א פאטער פון חוטאים !״
און יצחק? איז ער ניט
געלעגן אויף מיין מזבח,
מיר א קרבן צו ברענגען זיין בלוט?״
„זיין זון איז עשו דער רשע !״
„און יעקב? צוועלף זין
האט ער געפירט און גע׳ערנט,
זיי זאלן חסד און צדקה טון״.

„צוג-א׳ם האסטו אנטפלעקט דיך
אין סנה אפן הייליקן ארט!
ער האט די תורה באקומען,
אין פייער אף סיני דארט?״
„משה, מיין קנעכט, גענוג שוין,
דערמאן דיך אויך דיינע זינד !״
„מיין איין חטא זיי מיר מוחל !״
„זיי זענען מיין געווען, מיין קינדער״.

איז משה אוועקגעגאנגען,
זיין בעטן האט זיך געהערט:
„איך בעט אייך, טוט פאר מיר תפילה,
אוי, מיט אייך, הימל און ערד !״
„מיר קענען פאר דיר נישט בעטן,
מיר ענין אליין ווי רויך״.
סע ענטפערן זון און שטערן:
„וואס איז גאר אונדזער גבורה און כוח?״

ער בעט ביי בערג און בערגלעך,
ער גייט צום ים אהין:
„וואס איז מיט דיר געווארן,
וואס איז דיר, ערמס זון ?
דו געדענקסט נאך יענע צייטן,
ווען דו האסט מיך געטון א שמייך
און מיינע וואסערן האבן
צוטיילט זיך פאר אייך אף גאסן א שוך?״

פארציטערט האט משה דערמאנט זיך
אין יענעם גרויסן וועג.
„אוי ווי, ווער קען מיר אומקערן
די דערלטיקע טעג !״

ער גייט צום שר-הפנים:
„בעט דו פאר מיר !״ — „ס׳איז אומזיסט״.
„האר. טו גענאד דיין עבד !
לאז בלייבן דאס קבר מיינס נאך פוסט !״

„איך קען און וויל ניט שטארבן,
איך וויל אין לאנד אריין !
איך וויל די מצוות זיינע
פאר דיר מקיים זיין !״
„איך קען דיין הארץ און נשמה.
איך וויים דיין רייניס געדאנק
און כ׳רעכן דיר פאר צדקה,
מיין קנעכט, דיין בקשה, דיין הייסן פארלאנג״.
נאר כ׳האב געשוואוירן א שבועה:
„כ׳פארשנייד דאס פאלק ישראל —
האסטו געפועלט רחמים:
דו פארערסט אזוינס נאך אמאל !
„דו פארסט נישט איבער דעם ירדן,
האב איך אויפגעהויבן מיין האנט:
אז דו וועסט איצט בלייבן לעבן,
וועט דאס פאלק נישט גיין אריין אין לאנד.״

„אויב אזוי, זאל איך און טויזנט
אזוינע פאלן טויט,
איידער איין מענטש פון דיין אומה
זאל ליידן די מינצסטע נויט. —
נאר שווער איז, ג—ט, דיין גזירה !״
„דיין צייט איז שוין פארביי,
ס׳האט איטלעכס דור זיין מנהיג,
איצט קומט יהושע, דיין תלמיד געטריי״.

„איך בין געווען זיין רבי:
זיין תלמיד וועל איך זיין...
אין דער האנט פונים מלאך-המות
נאר גיב מיך נישט אריין !״
„זאל זיין !״—איז משה געגאנגען
אריין אין יהושעס געצעלט,
צו הערן זיין תלמידס תורה,
און שטיל זיך ביי דער טיר געשטעלט.

ג—ט בלענט יהושעס אויגן,
ער האט אים ניט דערזען,
ווען ס׳איז דאס פאלק געקומען,
א יאמער איז געווען:
„יהושע, ס׳שטייט דיין רבי,
יהושע, משה שטייט !״
„אוי, רבי מיינער, פאטער !״
מיט ווייטיג האט ער צוריסן זיין קלייד.

און ס׳זענען ביידע געגאנגען
אין אוהל-מועד צו ג—ט,
דער וואלקן-זויל האט גענידערט
און געהילט זיי אין זיין סוד.
ער איז ווידער פארשוואונדן געווארן,
און משה האט ג—ט נישט דערהערט.
„יהושע, וואס האט ער געהייסן ?״
„איך טאר ניט דערציילן,
ער האט מיר פארווערט.״

„איך האב געבעטן לעבן—
דעם טויט שוין בעט איך, אוי !״
ג—ט זאגט: „איצט גיי קיין מואב,
ארויף אויפן בארג נבו.
איך וועל דיר דארטן ווייזן
דאס גאנצע לאנד כנען,
און ס׳וועלן דיינע אויגן
אויך זען, וואס ס׳וועט אין ווייטן עתיד זיין.

ער קוקט אריין אין די צייטן,
ער זעט א רואיק לאנד,
א פאלק, וואס ארבעט גליקלעך,
מיטן אקער אין זיין האנט.
„אז וואויל איז—הערט ער זינגען—
צונ-א פאלק, אזוינס וואס האט !״
„אז וואויל איז—הערט ער ג—טס ענטפער—
צונ-א פאלק, וואס איך בין געווארן זיין
ג—ט !״

ער זעט ג—טס שטוב אפן ציון —
דאס גאנצע פאלק פארט אהין,
ער זעט, ווי סע טוען עבודה
זיין ברידער אהרנס זין
סע שטייט דער כהן-גדול.
ער שרייט — דאס פאלק דערהערט
און פאלט מיט אפשיי כורעים,
באהאלט דאס פנים אף דער ערד.

נאר ווי, א שווארצער הימל.
אוי ווי, א פינצטערער צער:
די שונאים זענען אין שטאט שוין,
געקומען די צייט פונים גזר.
געוואלדן, געשרייען, הריגות,
פלאמיקער חורבן און שרעק!
פייער און רויך אין בית-מקדש —
דאס פאלק מוז גייען אין גלות אוועק...

און משה איז זיך מכין
דארט אויוון צו זיין טויט.
ס׳פאלט אף דער וועלט א שטורים —
די הימלען ווערן רויט.
און פלוצים פארבענקט ער זיך ווידער,
סע כאפט אים אן א גרויל,
און נייע תפילות רייסן
פון הארץ ארויף זיך צו זיין מויל.

און זיינע תפילות שניידן
ווי שפיזן שארף צום ציל
זיך דורך דורך אלע הימלען
אהין ביז צו ג—טס שטול.
און ערד און הימל ציטערן
ווי הינדן אין געיעג,
די שטערן, זיי פארלירן
אין טומליניש צושראקן זייער וועג.

און ס׳שטורימט אלץ זיין תפילה:
„דו מוזט מיך הערן, האר!



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 22 מתוך 46

דערמאָן דיך מײַנע זכיות
און זײַ מבטל דײַן גזר!"
ג–ט זאָגט צו די מלאָכים:
„זײַן תפלה לאָזט ניט אַרײַן.
לאָז גאָר דעם הימלס טויערן
פאַרשפאַרט און פאַרהאַמערט איצטערט זײַן!

דערנאָך צום מלאך גבריאל:
„נידער אַראָפּ אַף נבו,
און ברענג מיר משהס נשמה,
איך וויל עס שוין אַזוי".
„אוי ווײ צו משהס שטאַרבן!
ער האָט דאָך חן בײַ דיר...
איך קען זײַן טויט נישט צוזען.
סע זאָל נישט זײַן, מײַן האַר, דורך מיר."

„מיכאל, גײ, מײַן מלאך,
און זײַן נשמה ברענג".
„איך בין געווען זײַן רבי —
שיק מיך נישט, האַר, געדענק!"
„גײ דו שוין, סמאל, אַצינדערט
דאַרפסטו ניט וואַרטן מער,
צינד גיב דײַן לאַך, דעם גרויסן...
גײ, ברענג מיר משהס נשמה אַהער".

ער גורט זיך אָן מיט רציחה,
און נידערט אַראָפּ אויף דער ערד.
ס-פֿלאַנקט אין זײַן האַנט און סטראַשעט
די פלאַמינדיקע שווערד.
נאָר ווי ער קומט צו משהן,
נעמט פחד אים אַרום:
משה הײבט אויף די אויגן — שטום
דאָס זענען צווײ זונען. וואָס פרעגן אים

„ס-האָט ג–ט דײַן טויט געחתמעט.
גענוג, קײן שהיות מאַך!"
„העי, טראָג דיך אָפּ פון מיר!
איך זינג איצט צו ג–ט אַ שבח!"
„ג-טס לויב דערצײלן די הימלען!"
„זײ וועלן שטומען פאַר מיר!"
דער מלאך מוז אַנטלויפן,
װײַל ג–טס שטעקן נעמט משה אַפיר.

נאָר ווידער הײסט ג–ט אים ברענגען
די נשמה פון משהן, זײַן קנעכט.
דער מלאך האָט ווידער געגערט,
נאָר געוואָרן פאַר אים איז דאָס שלעכט:
דער בליק פון משהס אויגן -
ער האָט אים די אויגן פאַרברענט.
„געדענק מיר סנה און סיני!
ניט גיב מיך, מײַן ג–ט, אין זײַנע הענט!"

„איך וועל אַלײן איצט קומען,
ניט שרעק דיך, זײַ שוין גרײט."
ג–ט נידערט מיט דרײַ מלאכים,
גבריאל טראָגט אַ קלײד,
מיכאל און זגזגאל
ברענגען אַ מיטה אַראָפּ.
ס-איז משהס טויט געקומען,
ער גיט שוין זײַן נשמה אָפּ.

און ג–ט רופט משהס נשמה:
„מײַן טאָכטער, קום אַפיר!"
„מײַן ג–ט, דו האָסט מיך באַשאַפן,
און זײַן גוף געגעבן צו מיר,
און הונדערט-צוואַנציק יאָרן
אין אים מיך אַרײַנגעשטעלט —
איך וויל שוין ניט אַרויסגײן:
ניטאָ קײן רײנערער גוף אין דער וועלט".

די הימלען צעוויינען זיך ביטער,
דער ליכטיקער טאָג ווערט שוואַרץ:
„ווײ, משהס לעצטע רגע!
אַט שטעלט זיך אָפּ זײַן האַרץ!"
ער הײליקט זיך ווי אַ מלאך,
צום לעצטן מאָל פאַר ג–ט.
ג–ט טוט אַ קוש איצט משהן
און נעמט זײַן נשמה אַרײַן אין זײַן סוד.

# ביי אַ שבת-דיק גלעזל טיי

א פראַגמענט פון „די גאַמבינערס"

פון וו. לייכטער און בנימין מינץ

ווּבת באַלד אינדערפרי, ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, דער עולם איז נאָך געשמאַק געשלאָפן פלעגט אַרײַנקומען צו איטשן דער אַלטער, ראובן-מרדכי. עס איז מיט דער צייט געוואָרן בײַ אים אַ חזקה, אַז שבת-טײ אויפן-ניכטערן מאָגן, צו טרינקען בײַ איטשע ר' יעקלס. געקומען איז ער דורכ-ן קוכן-גאַנג און נישט דורך דער „פאַראַדנע-טיר". דורך דער קיכן-טיר איז ער אַרײַן אָן אָנקלאַפּן אפילו; ער האָט שוין געהאַט זײַן סוד. ווי אַזוי שטיל אַהינצוגײן, קײנעם נישט איבערצואוועקן. ער איז גלײַך צוגעגאַנגען צום גרויסן קופערנעם טײ-קעסל, וואָס האָט זיך דעם גאַנצן שבת-דיקן מעת-לעת געזידן אויף דער גאַז-מאַשינקע, פול מיט ליבשאַפט לכבוד שבת האָט ער אָפּגעטון די עבודה פון אַלײן אָנגיסן זיך דאָס הייסע וואַסער.

טײ אין דער וואָכן איז עפּיס אַנדערש — פלעגט ער תמיד אײַנטענהן — און טײ אום שבת איז אויך עפּיס אַנדערש... מ-מוז דאָס קענען מרגיש זײַן...

ער האָט שטאַרק פײַנט געהאַט, אַז אַ צווייטער דערלאַנגט אים דאָס גלאָז טײ. דורך אַ צווייטן האָט ער ווי צו זײַן מזל קײנמאָל נישט באַקומען אַ פול גלאָז, אַזוי ווי דער כוס צו הבדלה. — גיב אַ פולע „מאָס" — פלעגט ער זיך בעטן בײַ יענים — זשאַליועו נישט... און אַלײן האָט ער זיך שוין דערפאַר תמיד אָנגעגאָסן ביז צום „אויג".

האַלטנדיק אין אײן האַנט דאָס הייסע מחיה-דיקע גלעזל טײ און אין דער צווייטער אַ האַרט שטיקל צוקער, האָט ער מעשה שטוב-מענטש, מיט זײַן פעסטן רחבות-דיקן טריט אַרײַנגעשפּאַנט אין דער שטוב. מיט אַ צעאַקערטן קנייטש אויפ-ן שטערן, ריטמיש צושאָקלנדיק, מעשה מנצח, האָט ער אוועקגעשטעלט דאָס גלאָז אויפ-ן טיש, אַרויסגעשלעפּט פון אײן טאַש דאָס געבלימטע נאָזטיכל און פון דעם אַנדערער טאַש דאָס טאַבאַק-שקעטעלע מיט די ברייל האָט ער זיך ערשט אַוועקגעזעצט אָפּגעקרעכצט און אָפּגעהיסט, איידער ער האָט געגעבן דעם ערשטן שליק. פלעגט ער דורכן שײַן פון פרימאָרגן, בכוונה אַדורכקוקן דאָס קרישטאָלינע לויטערקייט פון וואַסער. ער איז געווען זיכער, אַז אין דער דאָזיקער שבת-דיקער משקה, ליגט אַ טעם און תענוג פון עולם-הבא. געזופּט האָט ער מיט הפסקות, פּאַמעלעך, געמאַכט אַ חשבון הנפש. געטרונקען נישט נאָר פאַרן גוף נאָר אויך פאַר דער נשמה. שיעור נישט קײן תפלה.

ראובן מרדכי אַ שווער געפּויט יידל, אַ ברייטע געדיכטע באָרד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון זײַן פּנים און פאַרשטעלט די שולטערן מיט די ברוסט-קאַסטנס. די באָרד איז בײַ אים געווען דער עיקר, דאָס פּנים טפל. עס האָט זיך ווי פאַרלוירן אינעם גרויסן האָר-קרייז משונה-דיק גרויסע ברעמען האָבן אַראָפּגעהאַנגען איבער זײַנע ווימפּערן. נישט קײן נאַטירלעכע, ווי צוגעקלעפּטע, וואָס יינגלעך מאַכן אין פּורים. זײַנע גריגע אויגן זענען געווען דער פלאַץ, וואו עס האָבן תמיד אַרומגעטאַנצט שדים-לעך פריילעך — צו להכעיס-דיקע.

און ווײ איז געווען צו דעם, וואָס האָט דערפילט ראובן מרדכי-ס בליק, דעמלט, ווען ער איז געווען אין הקפּדה.

אַלײן אַ תלמיד פון ר' יהושע-לע קוטנער, איז ער אויך געווען אַ שטיק למדן. און פון זײַן ברייט אויסגעצויגן אָרט רעדן, אפילו אין זײַנע שקאַצעריש-לומדישע ווערטלעך און מעשה-לעך, פלעגט ער אַרײַנטון מאַיעסטעט.

נאָך ראובן מרדכין האָט זיך אויף איטשע גאַמבינער-ס שוועל, בײַ דער קוכן-טיר באַוויזן יוסל רובינהאָלץ, מיט באַהאַלטענער בושה



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# רעפלעקסן

(פֿין בוך „צו זיך אַליין״)  פֿון לייב פֿײַנגאָלד

יאָ, אַנטקייגן רעכט אויף לעבן. —
און דערוועגן איז כּמדומה מעגלעך צו זאָגן איינס:
אַלע אָן שום אויסנאָם האָבן די גיהעריקע רעכט
אויף'ן לעבן — אויף אַ גליקלעך לעבן! אַ פֿאַקט.
און דערצו זענען אַלע גלײַכע מחותּנים: אָרים און
רייך, שוטים ווי חכמים, יידן צי גוים, גלײַביקע
אַלץ איינס ווי ווי פּושעים, מעג עס זיין דער עם-
הארץ צי דער תּלמוד-חכם. אפֿילו דער אָמשרעק-
לעכסטער גישטראָפֿטער פֿון גורל, דער בלינדער —
די קאַליקע, וואָס זעט כּלל וכּלל נישט די וועלט.
און אין בעסטן פֿאַל קען ער נאָר פֿילן דאָס אָרו-
מיקע לעבן — האָט ער די זעלבע רעכט צו אַ
גליקלעך לעבן, אַקוראַט ווי דער וואָס זעט דאָס
לעבן בחוש מיט זיין שאַרפֿן אויגן-בליק! און מעג
דער בלינדער פֿאַרלירן זיין שטעקן, וואָס איז תּמיד
זיין איינציקער וועג-ווייזער — אַלץ איינס ווערט
אויף קיין איין האָר נישט גימינערט זיינע אַלע
לעבנס-רעכט!

דער וואָס לעבט נאָר האָט שוין במילא די רעכט
צום לעבן אַ גליקלעך לעבן, אַ לעבן פֿון שיר
השירים...

אָן ענין גיגליכן צו דער זון: פּונקט ווי די זון,
באַשטראַלט אָן חילוק יעדעס ווינקל פֿון כּדור הארץ,
מאַכט ליכטיק בתּוכה דעם גאַנצן לעבנס-טאָג;
שענקט גלייכצייטיק איר ליכטיקייט צו מען וויל
יאָ, צו מען וויל נישט, שיקנדיק אירע שטראַלן אין
דער תּפֿיסה אַריין, וואו עס זיצן אָפּט איזאָלירט
שווערע פֿאַרברעכער, וואַרפֿט מיט כּוח איר ליכ-
טיקייט אויך אַרונטער די קראַט פֿון פֿאַרהעמערטע
אָרעסט-שטיבלעך פֿון אויסוואורף. אַזוי אויך איז
דאָס לעבן: דאָס לעבן שענקט יעדן רעכט פֿון אים
צו גיניסן, מיט אים זיך מחותּן צו זיין!

ווי אַ בליענדע בלום איז דאָס לעבן! עס איז, ווי
אַ בלום, וואָס בליט ווײַל זי בליט, ווייל אַזוי איז
דער ווילן פֿון בורא. און נישטאָ דער כּוח צו זאָגן
און עס זאָל זיין אויספֿירבאַר: „בלום בלי נישט,
הייבּ אָן וועלקן!״. אַזוי אויך קען מען נישט
זאָגן דעם לעבעדיקן: „לעב נישט, לעב נישט-גליק-
לעך, הער אויף צו לעבן״...

אַלע, אויף ווען נאָר דער טויט לויערט, אַלע
די האָבן גלייכצייטיק רעכט אויפֿן לעבן, רעכט
אויף אַ גליקלעך לעבן!

זה הכּלל: די אַלע, וואָס פֿריער צי שפּעטער ווערן
זיי גיפֿאַנגען דורכן מלאך-המות, האָבן ממילא דעם
זכות גליקלעך צו לעבן כּל זמן דער מלאך-המות
דערגרייכט זיי נישט! — — —
אַט דאָס איז פֿון אייביק ביז אייביק דער כּלל פֿון
רעכט אויף לעבן. —

לאָדזש אדר תּרצ״א

# בעלז

שמואל נאַדלער

## די נסיעה

העכער, העכער ווי תּמיד הענגען הײַנט הימלען צוהעלטע,
פֿריער ווי תּמיד צועפֿנט צו זאָגן „גוט מאָרגן״ די וועלטן.
ווײַסע, צובלישטשיטע פֿעלדער כוואַליען אויף בערג
און אויף טאָלן:
יומטובדיק גײַט דאָס די ערד אַרויס פֿון דער מקווה קרישטאָלן,
הילט זיך אײַן אין דעם טלית שנײַ, כּמנהג וותיקין,
מיט דער גאָלדינער עטרה: אַ זון פּאַס אויף בערגישן רוקן,
לײַגט דעם של-ראש פֿון דער זון און וויקלט די וועגן של ידן,
הערסט אַ ציטער אין לופֿט? דאָס דאַוונט זי שחרית אַוודאי.

און מיר פֿאָרן, מיר פֿאָרן. פֿליט פֿײַל פֿון בויגן דער שליטן,
ס-איז אַ חתונה-וועלט-זאַל און יעדער פֿון אונדז אַ מחותּן.
קוועלט-אויף פֿון אונטער ורגיץ, פֿון זעק, פֿון שטרוי צי פֿון ענגשאַפֿט,
קוועלט-אויף אַ ניגון צוצויגן און טראָגט אין אין-סוף די בענקשאַפֿט,
גיסט זיך אַ קול מיט אַ קול, אַ זיפֿץ מיט אַ תּנועה צוזאַמען.
שטורמיש ברעכט אויס אַ לכה-דודי, כאַפּט אַלעס אַרום, ווי מיט פֿלאַמען
פֿינגען בײַמער, זינגען שנײַען און ס-זינגען גיבלוטן,
העי, ס-האָט באַוויליגט די קיניגן פֿרייה צו באַוואויגן אַ שליטן!

אײַסעך, אַ פּראָסט נעמט אַ שטאַרקער, אײַסעך די פֿיס אײַנגיקלעמטע:
אַט מיט דעם וועג, למשל, גיפֿאָרן איז דער בעל-שם-טוב!
און שבתי בוסקער דערציילט: בײַ זיי איז אָן ערל דאָ, יאַסעק
איז ער דער פֿורמאַן גיווען; אַרום און אַרום האָט גיגאָסן,
ווי מיט ציבערס, דער רעגן, איז זיי אויף קיין טראָפּ נישט גיפֿאַלן!
ס-איז זייער רב אַליין גיווען אויף דער מעשה אַ בעל,
גערעגנט מען דעם ערל און דער: „אַפּוואָים וויד שוויטאָהאָ סרולקאָ.״
נעמט מען ס-פֿלעשל: לחיים! טרינקט מען, פֿאַרבײַסט מען אַ בולקע.

פֿליט דורך אַ דאָרף מיט אַ טומאה, וואַרפֿן שקצימלעך שנײַ נאָך;
האַלט מען אײַן פֿאַר אַ קרעטשמע, טרעפֿט מען וואַרימע טײַ נאָך.
גייט מיט דער קרעטשמער אַ קוויטל: „און איר זאָלט אַלדאָס גוטס פּועלן!״
זעצט מען זיך אויף, מ-פֿאָרט ווייטער, באַגלייט פֿון שנייאיקע קוילן,
אײַסעך, אויך מיר אַ דאגה,— מיט אונדז פֿאָרט די קיניגין חדווה!
טרעפֿט מען אַ פּוסגײַער שלעפּט זיך: פֿונוואַנען אַ ייד? — „פֿון פּיטעדוווער״
— אַוודאי אום רבין? — „פֿאַרשטײט זיך, וואו דען גייט אַ ייד מיטן זעקל?״
זעצט ער זיך אויף און הײדאַ! מיט ווינט און צוקלינגינע גלעקלעך!

## פֿרײַטיק

און ס-איז שוין פֿרײַטיק אין שטעטל. ווי אונטער דעם דאַכס שווערער טירחא
שטײען די הײַזלעך גיבויגן. ס-אײַלן זיך יידן אין מרחץ.
קלאַפּט הכנותדיק שנעל דער דופֿק פֿון בלאָטיקע גאַסן.
ווײַבער ליאַרמען בײַם ברונים. מ-מוז אַליין גײן ברענגען וואַסער
און נאָך גיזאַלצנס דאַצו. וואָס דער הייליקער ב״ת האָט פֿאַרשאָלטן,
כ-האָט דער וואַסער-פֿירער פֿאַרפֿירט זיי, אַז פֿירן מ-זאָל אים, דעם קאַלטן!
ערגיץ וויינט אַ גיצוואָגן קיגל, דאָ האַקט מען די פֿיש אײַן,
דאָרט בענטשן ווײַסע און אײדילע הענט די ליכט אויף טיש שוין.

כאַפּט מען די זײַדינע בעקעשע, ס-שטרײַמל און אויבן דעם טיליפּ,
פֿינקלט אַ קאַלט-בלאָער אָוונט. אַ שטערן באַווייזן אָפּילו.
אײַלן פֿאַרשפּעטיקטע שוין אין די שולן און שטיל ווערן גאַסן;
ייִנגעלעך לויפֿן, טרײסלין-זיך פּאות גיקרײזעלטע, נאַסע
און די פּראָסטיקע לופֿט שנײט-דורך, ווי אַ ליכט-סנאָפּ פֿון חמימות:
ס-ברענט אין די אויגן, ווי שוואַרצע קויל, די נקודה פּנימית...
בלאָזט אַ ווינטל פֿון פֿעלד, ווי אַ פּאַך פֿון פֿליגל וואָס קישן;
שבת מלכּתא קומט אָן קרוינין איר עמא קדישא!

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי


בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# פרייטיק צונאכטס

יו שוין די שול גיפאַקט, קיין שפּילקע נישטאָ וואו צו וואַרפן.
נאָר צו וואָס האט גיגעבן דער אייבישטער עלנבויגנס שאַרפע?
לאָזט מען אין גאַנג זיי, נו, מיילן זיי כוואַליעס, ווי רודערס, און טאַריק,
שטופּס-ו דיך דורך אין דעם עולם פון טויזנטער, קיין עין-הרע.
רינט דער שוויס איבער די אויגן. נאָר קאַנסט אים נישט אָפּווישן, צוואַנגין
נעמען אַרום דיינע הענט און דו ביסט אין דער קלעם ווי גיפאַנגין.
נאָר גילויבט השם יתברך דאַנאַ, ביסט אין אייבערשטע שורות,
וועסט זיין נאָענט צום רבין און זען זיין הייליקע צורה.

וואַרט מען... זאָגסט אָפּ שיר השירים און זינגנדיק יעדעס וואָרט קרוינסטו,
שטעקסטו די הענט איין אין גאַרטל און הייבסט די אויגן אויף, שטוינסטו:
דאַכט זיך, אַ נשמה יתירה האָבן די ווענט דאָ אַפילו!
און ביים פּרוכת, אין פאַלדן פון סאַמעט, ווינן זיך תּפילות,
טוליען זיך צום אָרון-קודש, בעטן ביי הייליקע תּורות...
בלישטשין שטיל קופּערנע הענגלייכטער, שיינען סוד זילבערנע מנורות;
באַלד גיט דער עולם אַ וויג זיך מיט רעש, אַז ס-גייט אַזש אַ פּאַרע,
לויפן דורך יושבים, שטופּן גבאים: אַ וואַרע! מאַכט וואַרע!

גייט דורך דער רבי מיט זריזות, כאָטש שוין פון עלטקייט גיבויגן;
קנייטשט אין אַ שין זיך פון שדי זיין שטערן צווישן די אויגן,
בלאַט אַן אָפּשיין פון שטריימל אויף זיין געל-פּאַרמיטן פּנים
ווייט נאָר שיקן ווי טויבן צום הימל די אויגן פּיוּנות.
ווי די שכינה וואָלט דורכגיגאַנגין מיט כרובים אַ מחנה!
פאַלט אויפן וועג וואונדערליכט, ווענדט זיך דער בליק אָפּ פאַר פּחד,
גייט ער צום עמוד צו, טוט אָן דעם טלית, אַ יראה פעלט וואַרטן:
פילט מען, מיר זענען נאָר אַלע זיין הייליקער זיידינער גאַרטל..

ווי אין אַן אויפרייס פון טרערן, ברעכט אויס דער רב און אַ הודו,
ווערן הערצער צובראָכן... באַלד שאַלט אויף אַ לכה-דודי,
ווערן הערצער דערפרייט, און ס-גייט דער נגון ברבים!
ענדיקט מען ס-דאַווינען שנעל: גוט שבת, יידן, גוט שבת!
איילט מען אַהיים נו, איז „שלום עליכם..." און „צאתכם לשלום"...
איז מען גישט מאַריך ביים קידוש און נישט ביי די הייסע מאכלים,
זמירות זאָגט מען נישט, בענטשן אויך ווערט מען ביים טיש פונים רבין,
און מלויפט שוין אַהין... און די ווייבלעך אליין בלייבן, נעבעך.

בלייבן די ווייבלעך אַליין... מ-האָט נישט באַמערקט זיי אַפילו!
נישט די פעל-שטערנטיכלעך, נישט זייער ווייסע אַצילות,
נישט דעם צנועות-דיק זוניקן שמייכל אויף ליכטיקן פּנים
מיט דעם זיבעטן חן צוגיטראָגן דעם מאַן אַ מתּנה.

. . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . .

נאָר נישט פאַרזונדיקן זיך... גילויבט דער שהשמחה במעונו!
עצבות? רחמנא ליצלן! ביי קודשא-בריך הוא מיר וואוינין!
קומט דער צדיק אַריין און זאָגט שוין „שלום עליכם" —
בוימל פון מקור הרחמים גיסט און זיין קול זיך. אין ווייכן
פּנים באַצוואונגינים חומר איז ער גיוואָרן נתעלה,
שטייט ער הייליק און ריין אַקעגן זיין הימלישער כּלה
און ער איז זי מקדש כּרת און גיט איר די כּתובה:
ס-גאַנצע האַרץ און די גאַנצע נשמה האָט ער איר פאַרשריבן!

אתקינו סעודתא דמהימנותא... גרייט מיר די גלויביקע סעודה,
פונקלט דער וויין און די ליכט און איבער זיי הויכן יהודין,
ס-איז דער טיש אַ מזבח, די חלות — לחם הפּנים.
און דער כּהן גדול איז מקריב דעם-מאָל לויטערע כּוונה...
וועלבט זיך דען נישט איבער אונדז דער הימל, בלישטשין נישט שטערן?
יאָ, יוגנט-מלמד מיינער ווי גוט דו האָסט מיך גילערנט:
— קדושים תּהיו... ס-טייטש, פרעג איך קדושים? — הייליק. — ס-טייטש הייליק?
— דאָס קען נאָר דער פאַרשטיין, וואָס אַליין דרינגין אַ חלק...

# קונסט און קריטיק

## פון יחיאל פיינער

אויפשניידן דאָס גאָלד-באַפּעדערטע העלזל פון די אכטיגאַל, און וועלן אָנטאַפּן איר גיזאַנג בידים; אויפליקן די רויז, די בלום, די כריזאַנטעם און וועלן מיט אַ פאַליפ-נאָז דערשפּירן איר דופט: למה הדבר דומה? צו אַ כירורג אין ווייסן כאַלאַט מיט אַ וויזווי סעקציע-מעסער אין האַנט וואָס טרעט צו פאַלמיסין די נשמה פון אַ ביכל לידער..

דאָס האַרץ פונים דיכטער, איז אַ קדשי-קדשים, אַ סורותדיק פאַרבאָרגן גיצעלט, וואוהין ער זעלבסט קומט אויך נאָר דאָרט אַריין אין זעלטינע אויס-גיבענקטע מינוטן. דאָרט הענגט אַ גאָלדינע סטרונע, אַ לירע.

דאָס האַרץ פון דיכטער איז אַ בלאָער ים-שפּיגל, וואָס אַ זייטיק אויג דערקענט נישט ווען שטורמדיקע כוואַליעס וועלן זיך צורוישן און דער שפּיגל וועט צו בראַזגיט ווערן.

אַ קאָנצענטראַציע-רעזערוואואַר, אַ קאַבל פון טויזנטער אָנגיקנופּטע פּערים — איז דעם דיכטערס כּוח-הדמיון. ס-וועבט-זיך, ס-שפּינט-זיך, ס-פלעכט זיך. עפּיס האָט זיך אָנגיצינדן, עפּיס ברענט, אַ פייער, אַ פלאַם, אַ פלאַקער! —

ס-איז דאָס מעכטיקע גיפיל פון אַ שאַפנדיקער תּקופה.

אַזוי ווערט דער דיכטער באַפרוכפּערט, מיטגריסן, און פאַרכלינט זיך ווי אַ דערטרונקינער אין ים פון גלאַקישער צעטרייסלונג. ער וויקלט זיך אין כוואַליס פון שאַפנדיקער סטיכיע. ער טרינקט דעם תּוהו ובוהו פון אַ מעכטיק גיפיל. און ס-טוט אַ ציטער די גאָלדינע סטרונע אינים דיכטערס האַרץ. קלאַנגען צופליסן אין שטורמדיקע טמאַציעס. אַ גי-היימע האַנט נעמט אַראָפּ מיט פייערדיקע צוואַנגען די גליענדיקע קויל פון שאַפנדיקן מזבח, און באַרירט מיט איר די ליפּן פון קינסטלער. און טרייסט אים, און יאָגט אים ווי אַ מורא-דיקער פּאַטוס. ער וואָרגט זיך אין אויסגיבענקטע יסורים פון די חבלי-לידה. עפּיס ציטערט אויף, ווערט רייף. אַ בליץ, רוחניות-דיקער אָפּגלאַנץ, סוד-התקשרות...

און ס-פלאַצט אויף דעם דיכטערס טראַכט. אויפ-גיפראַלט די טירן פון זיין פאַרבאָרגינים קדשי-קדשים —

דער דיכטער שפּייט אויס אַ ליד...

און קומט צו גיין אַ קריטיקער מיט לאַנישע כראַסט-קיס אין זיינע גיהירן, מעג ער האָבן אַ שטאָלינים מוח מיט צען טויזנט גיצייינדלטע רעדלעך אין קאָפּ, קוים קאָן ער נישט איבערלויפן דעם דיכטער צום העכסטן שפּיץ פון זיין גאָלדינער פּייל, זאָל ער זיין וואָרט צורייבן אונטער די ציין!

קריטיק הייסט: איבערדיכטן דאָס ליד פון אַ פרעמדן חלום, קאָן אָבער דער קריטיקער נישט אַ דורכדרונגין דעם בלאָען שפּיגל פון דיכטערס נשמה; אויב קאָן ער זיך נישט אַראָפּלאָזן אונטער די שטורמ-דיקע כוואַליעס פון דיכטערס שעפערישן גייסט און דאָרט זען די חזיונות פון אַטאָם; דעם עמבריאָלאַ-גישן סדר! דעם שמן-זית, וואָס ברענט אין דער מנורה פון דיכטערס נשמה —

אַזאַ קריטיקער זאָל די פּען ברעכן!



הארכיון היהודי
ארכיון אסופות
בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 068-067 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 27 מתוך 46

# אַלבאָם פון ישיבת חכמי לובלין

## (ביבליאָגראַפישע נאָטיץ)

א פנים חדשות—„אַלבאָם פון ישיבת חכמי לובלין". זענען געוואָרן באַרייכערט די אָרטאָדאָקסיש-ליטעראַרישע פּאָליצעס מיט נאָך אַ חשובן עקזעמפּלאַר, זענען געוואָרן וואָגיקער די אַלגעמיינע אַלבאָם-ריי׳ען, אַ אָרטאָדאָקסישער אַ באַם. מיר געפינען דאָ כּל-ערליי בילדער, וואָס האָבן אַ שייכות צו „ישיבת חכמי לובלין" געשאַפן דורך דעם גאון הרב שפּירא, אין דעם אַלבאָם זעען מיר אַלע בילדער, אין די פאַרשידענע תקופות, פונעם גרונטשטיינבוי ן חנוכת הבית. א אמת׳ן תענוג פאַרשאַפט דער אַלבום יעדעס איינ, וואָס איז מעין דערין. מי באַקומען אַזוי אַרום גלייכצייטיק די מעגלעכקייט צו זעען וויאַניקסטנס די ישיבה פון דער ווייטנ.

איז דאָך ערשט נישט לאַנג געשטאַנען דער, כּלל ישראל מיט אַ געבויגענעם קאָפּ פון דרך ארץ פאַר דעם תּפארת-דיקן ווערק פון גרויסן מייסטער, וואָס רופט זיך הרב שפּירא דורך זיין שאַפן אַזאַ הערלעך ישיבה-בנין הן אין פּראַזאַאיש ן זין, הן אין פּאָע-טיש ן זי ן. פאַרשאַפט ממילא אַ נחת-רוח דעם זעלבן כלל ישראל צו האָבן די מעגלעכקייט אַז די העתקה פון דעם בנין, זאָל פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דער ספרים-שאַנק.

הארכיון היהודי

דער אַלבאָם איז שיין און עסטעטיש אַרויסגעגעבן, קלאָר און לעכטיק זענען אַלע בילדער, אַזוי אַז איין בליק דערין, און עס ווערט דייטלעך די מיואַמע אַרבּיט פונים אַרויסגעבער ה. גורמאַן.

ל. יא ובזאן

# שבת אינדערפרי

ט אַטע אין הימל! זע, כ׳גיי ארויס פון דער מקוה: דעת קאַלטער, בלאָ איז דער מאָרגן און ס׳נעמט אַ פראָסט, אַז ביימער זיך שטאַלטן, כ׳בין מיך מודה ומתוודה: איך בין אַהער אַט געקומען און אין מיין האַרץ האט געלאַכט און געחוזקט דער לץ פון דער טומאה: — שוטה, וואָס ווערסטו דאָרט זען ביי די ברודיקע, ווילדע אַזיאַטן אַ חוץ קאַפּאָטיס און בלאָטיס? — פאַרגיב עס מיר, הימלישער טאַטע! איך דיין אומווערדיקער געבעט און דינער, שמואל בן זיסל, האָב געזינדיקט אַ קעגן דיין פּראַכט, וואָס איבער מיין תפיסה.

טאַטע אין הימל! אַ לויב דיר אין אַלע וועלטן און צייטן! ווייל דו האסט מיך, אַזוי ווי אַ נישט-וויסנדיק קינד, וואָס פאַרשטייט אַרויסגעפירט פונים תהום צו דיין ליכט און איך זע עס און הער עס. און ס׳האָט דער חסד אַנטפּלעקט מיר דיין אומענדלעך תּפארת. וואָס איז אַ מלכות דען וועלט, אַחוץ דעם מלכות פון האַרצן? וואָס איז זילבער און גאָלד, אויב נישט זיינע פריידן און שמאַרצן? וואָס זענען פייער און פלאַם אין פאַרגלייך מיט זיין געטלעך התלהבות? שטערן, מזלות וואָס זענען, אַ קעגן זיין מזל אַהבה?!

ארכיון אסופות

טאַטע אין הימל! איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר פון טיפער נשמה; כ׳וועל אין איר וואַרים באַהעלטעניש היטן דיין ליכטיקן זאָמען און כ׳וועל דערציילן מיין ברודער מענטש און דיין הייליק שליחות; נישט אין פּאַלאַצן וואוינט גליק און נישט אויף טעפּיכער זוך עס, נישט אין זאַלן פון טאַנץ — — — ס׳איז דאָ אַ שטילע מחיצה, בליצן אייביק דאָרט פרילינגען, אייביק זומערן גרינען, זינגען דאָרט פייגל, אַלעס צופרייט זיך אין ים פון נגינה, ס׳איז דאָ אַ שטילע מדינה — תּחת כּנפי השכינה...

(ווייטערדיקע קאַפּיטלען — זע נומער 69)

# ראש-השנה ביי די ביימער*)

## פון נטע ירוחם בערלינער

חמשה עשר בשבט

איינגעהילטע אין ווייסע קיטלען מיט אויפגעהויבענע דאַרע הענט צום הימל זענען געשטאַנען די ביימער און שטיל געשעפּטשעט אַ תפלה... אָ ן איבער זייערע קעפּ איז געהאַנגען אַ פאַרכמוריטער אָנגעברוגזטער הימל...

אין מיט׳ן איז געשטאַנען דער „בעל-תפלה", אַן-אַלטער הויכער בוים. דער קאָפּ שוין אַביסל געבויגן פון אַלטקייט, און פון צייט צו צייט האָט ע געלאָזט פאַלן אַ טרער...

ראש השנה ביי די ביימער!

פרום האָבן זיך געשאָקלט די שלאַנקע און שטאָלצע סאָסנעס. די דיקע צוצווייגטע דעמבעס האָבן געציטערט פאַר פּחד, — עס האָט געציטערט דער וואַלד און עס האָט געציטערט דער גאָרטן:

אַט ווערט אָנגעשריבן דער גזר-דין! —

— ווער עס זאָל בלייבן לעבן און ווער עס זאָל אומקומען, ווער עס זאָל בליען און ווער עס זאָל פאַרדאַרט ווערן, ווער עס זאָל אומקומען דורך פייער און ווער דורך וואַסער, ווער דורך אַ שטורים-ווינט או ן ווער דורך דער האַק..

און די מאַמע-ערד?...

אַט ליגט זי דאָ צופיסנס, אין אירע תכריכים, אַ טויטע... אַ טויטע און אַ קאַלטע... וועט זי נאָך אויפלעבן? וועט זי נאָך קענען דער-נערן אירע ביימער-קינדער?...

אַ שטיל געריש איז אַדורכגעגאַנגען אין דער ביימער-מחנה. די ביימער האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעוויגט. די שטאָלצע סאָסנעס האָבן, דאַכט זיך, נאָך מער געבויגן זייערע קעפּ מיט הכנעה פאַר׳ן בורא עולם... אַט, דאַכט זיך, פאַלן זיי שוין „כּורעים" און אַט הייבן זיי זיך אויף...

און מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל, אַ פאַרגליווערטע שטילקייט האָט באַהערשט וואַלד און גאָרטן. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט-אָט דאַרף עפּיס געשעען...

און ווירקלעך איז עפּיס געשען.

אויפ׳ן בלייענעם הימל האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אַ העל פּינטל, און באַלד איז אויסגעוואַקסן אַ ליכטיקער קאָפּ איינגעפּאַסט אין אַן-אָרעאָל...

דער קאָפּ האָט וואַרים און מיט אַ ליכטיקן שמייכל באַגריסט וואַלד און גאָרטן:

— זייט געגריסט, ליבע ביימער! — האָט דער ליכטיקער קאָפּ אויסגערופן מיט פרייד — איך האָב אייך געבראַכט אַ גרוס, אַ וואַרימען גרוס פון אייערע ברודער אין ארץ-ישראל. דאָרט קומט שוין אָן דער פרילינג, דאָרט בליט שוין אַלץ, אַלץ דערוואַכט צום לעבן: דער ווייַן-שטאָק, די פּאַלמע, דער טייטל-בוים און דער פייגן-בוים... נאָך אַ טאָג, נאָך אַ כאַ: — און דער פרילינג וועט אויך זיין אַ גאַסט ביי אייך אין לאַנד...

די ביימער זענען געבליבן שטיין צוחושטע און פאַרגאַפטע.

— איז דען דאָס מעגלעך? וועט נאָך אַמאָל קומען דער פרילינג? וועלן נאָך אַמאָל די זון-שטראַלן, ווי מיט אַ וואַרימער כאַמע-האַנט, גלעטן טרייסטנדיק אונדזערע אין יאוש געבויגענע קעפּ? וועלן זיי נאָך אַמאָל דערוואַרימען אונדזערע געפרוירענע גלידער?...

ווי באַרירט פון אַ לייכט מורח-ווינטל, האָבן זיך די ביימער ווידער-אַמאָל צעוויגט און זענען פאַרגאַנגען אין אַ הייסער תפלה:

— רבונו-של-עולם! — האָט דער אַלטער בעל-תפלה געבעטן און

(סוף אויף זייט 41)

*) צוליב אַ טעכנישער סבה געבן מיר דאָס ערשט אין היינטיקן נומער.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

דיר נאר פאר: דו זעסט אַ מענטש, וואָס מיט עטלעכע מינוט צוריק, האט ער גיטרונקן, גילאַכט, צוזאַמין מיט דיר פּיליזאַ-פירט — און פּלוצים זעסטו, ווי ער ליגט אָן בעוועגונג. דו רעסט צו אים און ער — ער ענפערט נישט. ער הערט נישט, רירט זיך נישט און ענפערט נישט. ס-מוז זיין לעכערלעך — שטעל דיר נאר פאר —

— כ-דאַרף צס מיר גאָרנישט פארשטעלן — לעכערלעך?

— נו, לאַוו דוקא, אפשר אַ ביסל קאמיש — אפשר — אבער נישט לעכערלעך — מיר האבן דאָ נישט איינים גיזעען — און פאַרגעסן צו לאַכן, מיין פריינט —

— אט, אט דאָס איז עס טאַקע. דאָס וויל איך דאך סוף-כל-סוף. זעען און פילן דעם ערשטן איינדרוק.

— ווען וועט זיין די ערשטע פיינטלעכע אַ טאַקע?

באמת אַ פראַגע פון אַ „פריץ". אַ פראַגע פון אַ נאַאיוון מענטש, וואָס איז די גאַנצע צייט גיזעסן אין קאַזאַרמע, און יעצט גי-קומיז אַ הער אין טעאַטער אריין. און נאך דערצו אַ מאַיאָר. אַ הויכער אפיציר. כאַ-כאַ-כא „ווען ס-וועט זיין די אַ טאַקע".

— דער שונא פאַרגעסט תמיד אונדז אָנצוזאָגן זיין אַ טאַקע, איער עקסעלענץ, האב איך אים גיענטפערט אפיציעל אין אַנ-אויפגירעגטן טאָן.

ס-אַיז שוין גיוועזן נאָך האַלבער נאַכט און מיר האבן זיך גי-לייגט שלאָפן.

ב.

פיר וואכן שוין נישט גיווען קיין שחיטה אויפ-ן פראנט. פון מאָל צו מאָל — אַ הייסער מעטאַל-רעגן, אַ פּלוצומדיקער קויל-האָגל. אבער, צו קיין שלאַכט איז עס נישט גיקומען. מיר, אַזוי גוט ווי דער שונא, האבן זיך גיגרייט. זאלן נאר אַ דורכגיין די גרויסע שנייען און די בלאָטיס און דערנאָך...

און דאָס האט אויפגירעגט דעם איידילן הער מאַיאָר. פשוט אַ אומגליק: שוין עטלעכע טעג, ווי ער גיפונט זיך אויפ-ן פראנט און נעכטן איז ער אַריינגיקומין צו אונדז אין דער פאר-פאסטן קאמפּאַניע — און קיין טויטן „נישט אויף אַ רפואה"

דער מאַיאָר איז אַרומגיגאַנגין אַ גאַנצן טאָג שטאַרק צוטראָגן, און מיר האבן נישט גיוואוסט וואָס עס איז גישעען. קיין מורא האבן מיר נישט אָנגיזעען אויף זיין פנים. אין פונדעסטוועגן האט ער גימאַכט דעם איינדרוק פון אַ [illegible] ווי ער האט מיר מגלה גיוועזן זיין סוד, האב איך פאַרשטאַנין ער בענקט נאָך מתים.

נאָך עטלעכע מינוט זענין מיר ביידע שוין גישלאָפן. ער איז פריער איינגישלאָפן, איך האב אים נאָך גיהערט מורמלין פון שלאָף. שווער גיווען צו פאַרשטיין וואָס ער רעט; נאר עטלעכע ווערטער האט מען גיקענט מצרף זיין:

— רב זלמן בער — אַ ייד אַ מאמין און טויט — נישטאָ קיין טויט — ביסט אַ ליגנער — אַ ייד אַ ליגנער — דו לעבסט!

און ער האט גילאַכט פון שלאָף.

אינצווישן בין איך אויך איינגישלאָפן.

אין עטלעכע שעה שפּעטער — ער וועקט מיך:

— אַנטשולדיקט — אַנטשולדיקט מיר באמת — נאר — כ-האב צו דיר אַ ביטע —

— צום באַפעל עקסעלענץ!

— ניין, ניין, נישט אפיציעל, מיין פריינט. דו ביסט אַ מער פראַקטיצירטער אפיציר פון מיר, כאטש פון אַ נידריקערער ראַנגע.

— צום באַפעל עקסעלענץ! — האב איך גישריגן מיט כעס. פאַר-וואָס ער האט מיך אויפגיוועקט.

— ווער נאר נישט אין כעס און לאז אָפּ די שטותים. נישט אפי-ציעל האב איך צו דיר אַ ביטע.

— ביטע.

כ-האב גיגעבן אַ צייכן צו אַנ-אַטאַקע אונדזער אַרטילעריע אָפּטיילונג.

— איר זייט משוגע גיוואָרן?

— ששש אָ — שוין פאַרפאַלן, שוין גיגעבן אַ צייכן — וואָס רעגסטו דיך אַזוי אויף? כ-האב רעכט דערויף.

— איר האט נישט קיין רעכט אונדז אַלע צו שיקן צום טייוול.

— אונדז אַלע? — פאַרוואָס עפּיס אונדז אַלע — מיר וועלן דיך דאָ „דעקן" און דו שיק פיניף מענטשן אויף אויסשפּירונג אין אַקאַפּ. זיי אַליין וועלן דאך בלויז זיין אין סכנה.

— דאָס איז, דאָס איז — דאָס איז,,

— כ-ווייס: דאָס איז אַ גימיינהייט — האט דער מאַיאָר פּלוצים גיענדערט זיין קול אויף זייער ערנצט — דאָס וואָס כ-האב גיטון, בין איך אבער דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך! פאַרשטאַנין?!

פאַרשטאַנין, עקסעלענץ!

כ-האב מיך אויסגידרייט און גישיקט פיניף מענטשן אויפ-ן אַנ-גיוויזינים אָרט.

פאַרשטייט זיך, אַז כ-האב נישט גיקענט אַנטשלאָפן ווערן. אַ צייכן אויף אַ אַטאַקע ה סט: אַז מארגן אָוונט וועלן מיר אַטאַ-קירן דעם שונא. דאָס הייסט: אַז מארגן אָוונט וועלן די ערשטע אַקאַפּיס מיט די פיניף מענטשן, חרוב ווערן, אַזוי ווי סדום און עמורה. אַ ביין אויף אַ ביין וועט פון זיי נישט בלייבן.

איך ליג אין בעט און פּלוצים אַ קלאַפּ אין טיר. עס איז אַריינ-גיקומין אַנ-אַלטער זעלנער. דער עלטסטער זעלנער פון אונדזער פּולק: רב זלמן בער.

*

ער האט צו מיר אַ גרויסע ביטע:

עקסעלענץ, מארגן אָוונט וויל איך זיין צוזאַמין מיט מיינע זון — — —

וויפיל זון האסטו?

— פיר.

וואו זענין זיי?

— אַלע דאָ: ביי אייך עקסעלענץ!

זייערע נעמין?

— זייערע נעמין, עקסעלענץ — פאַרשידן: איינער הייסט אברהם קילינ, דער צווייטער: שלמה קאלוואר; דער דריטער משה קאַראַס, דער פערדער איז נאָך גיבליבן ביים אַלטן נאָמין: מיכאל כהן.

— אַלזא: קילינ, קאלוואַרי, קאַראַס און כהן זענין ברידער. דיינע זון?

— יא — עקסעלענץ.

כאַפּט עם דער טייוול. אַ וודאי אויב דער פאָטער הייסט כהן, מוזן זיי דאך הייסן קילינ, קאלוואַרי, קאַראַס און כהן. נו גי-לויבט דעם אייבערשטן. כאטש איינער גיבליבן ביים נאָמין כהן — און וואָס דאַרפסטו מארגן אָוונט זיין מיט זיי צוזאַמין?

— מארגן אָוונט, עקסעלענץ, מארגן אָוונט איז ביי אונדז יום-טוב — פסח — האט דער אַלטער גיענפערט מיט אַ אַנטשול-דיקונגס-שמייכל.

— אַ האַ: דער סדר. נו גוט. פאַרוואָס נישט. איך קען עס ער-לויבן. פאַרוואָס נישט. נו — — —

און אין דערדאַזיקער רגע אַזוי ווי מ-וואלט מיר מיט אַ האַק גיגעבן איבער-ן קאפּ און ס-האַרץ איז מיר אַרויסגישפּרינגין:

— צו אַלדי רוחות! — זיי גיפונין זיך אַלע דארט — אין ערשטן אַקאַפּ! — מיט עטלעכע מינוט צוריק האב איך זיי אַ הינגישיקט — אויפ-ן מאַיאָר-ס באַפעל — נאר, איך בין נישט שולדיק — האב איך מיך נישט גיזעצלעך פאַרטיידיקט פאַר-ן פראסטן זעלנער — באמת, נישט איך בין שולדיק. פאַרוואָס האבן זיי מיר נישט גיזאָגט: אַז זיי זענין ברודער?

— — — — — — — — — — — — — — —

— ס-מאַכט נישט — ס-מאַכט נישט — האט דער אַלטער. — ווייס ווי קאַלעך, גימורמלט — נישט וויכטיק, עקסעלענץ, נישט וויכטיק, מיר זענין נישט קיין פחדנים — כ-בין אַן אַלטער אויסגי-



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון a 067-068 הודפס מתוך הארכיון היהודי

— וואָס ? האט דער מאַיאר גישטאמלט און אָנגיהויבן ציטערן — וואָס ? באמת ווייסע ?

— אוי ! — וואס איז מיר — האַלט מיך אַ רגע — אוי, פאַרוואָס זענין זיי ווייסע ?

— זיי זענין מתים ? —

דער אַלטער פאָטער איז אַראָפּ פון זיין „היסבה בעט" צוגיגאַנגין צום מאַיאר, אים גיגלעט און מיט אַ פאָטערלעכן טאָן גיזאָגט :

— עקסעל נץ שטאַרקט זיך אַ ביסל — אַ ביסל גיטרונקן צופיל — ס מאַכט נישט — ס-וועט נישט שאַדן — שטאַרקט זיך, אַ ביסל, למען השם !

דער מאַיאר איז אומגיפאַלן, דער אַלטער האט אים גינומין אויף די הענט ;

— ע, עקסעלענץ נישט שיין — אַזוי פירט מען זיך מיט אַ בעל-הבית אַ מכניס אורח ?

— נישט שיין — שטאַרקט אייך אַ ביסל — כ-בין פשוט באַליידיקט, מיין וויין איז אַ גוטער וויין — פסח-דיקער —

דער מאַיאר איז גילעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן אומבאַוועגלעך און שווער גיאָטימט.

— ס-מאַכט נישט — האט דער אַלטער גיזאָגט — ס-מאַכט נישט, ס-וועט אי"ה אַ דורך. אייער עקסעלענץ וועט נישט פאַרלאָזן אונדזער פולק.

ער האט זיך איינגיבויגן און זיך איינגיקוקט אין מאַיאר-ס פנים.

און אין דערדאזיקער רגע איז גישען עפּיס אויסטערלישעס : דער מאַיאר האט אַ ביסל גיעפנט די אויגן, שפעטער זיי ווייט אויפגיריסן — ער האט זיך מיט-ן בליק איינגיגעסן אין אַלטנס פנים — און פלוצים אויפגישפרונגין מיט אַ שרעקלעך גישריי און מיט אַ שרעקלעכן ציטער מיך אַרומגיכאַפּט.

— ראַטיווע מיך ! — ראַטיווע מיך ! — ער לעבט — רב זלמן בער — ער איז נישט גישטארבן — אַ ליגנער, — אַנגיטון תכריכים כדי מיך צו גינאַרן — טרייב אים אַרויס ! — אַאַאַה !

ער האט זיינע נעגל אַריינגישטאכן אין זיין לייב, פאַר פחד, פאַר אַ מיתה משונה —

אַ שוידער איז מיר אַ דורך דורכ-ן בלוט. דער אַלטער האט אויסגיגלאצט די אויגן : דער מאַיאר האט גיזאָגט : „רב זלמן בער". פונוואַנין ווייס ער זיין יידישן נאָמין ?

איך האב מיך באַלד דערמאנט זיין נעכטיק שטאַמלין פון שלאָף.

דער מאַיאר האט זיך אויסגיצויגן אויף דער ערד, מיט זיין גאַנצער לענג. ווידער האט זיך פון זיין מויל גיגעבן אַ גאס פון רויטן גימישט מיט בלוט. ער האט גיגעבן אַ ציטער און גיבליבן אָן באַוועגונג.

דער דאקטאר העט באַשטעטיקט דעם טויט פון אַ האַרץ-שלאַק...

— — — — — — — — — — — — — —

ד.

צומארגנס האב איך גיפרעגט דעם אַלטן זעלנער ;

— ער האט דיך גיקענט פון לאַנג ?

— כ-האב אים אין מיין לעבן קיין מאָל נישט גיזען.

— און פון וואַנעט האט ער גיוואוסט דיין יידישן נאָמין ?

דער אַלטער האט גיהויבן מיט די פּלייצים.

— ווער ווייסט ?

ער האט זיך פאַרטראַכט און נישט קוקנדיק אויף מיר גיזאָגט :

— נעבעך — אייער עקסעלענץ ווייס ? —

כ-ווייס פון וואָס ער איז גישטארבן — אליהו הנביא-ס כוס — און ער האט עס גימאַכט פאַר „נסך" — נעבעך — איך בין נישט שולדיק — עקסעלענץ

# הכנות צום חודש פאַר יידישקייט און יידיש

דער צ. ס. הייבט שוין אָן די הכנות צום חודש פאַר יידישקייט און יידיש, ווי ס-איז גיוועזן די החלטה פון דער פאַביניצער בנות-קאָנפערענץ. עס ווערט צוגיגרייט אַ ספעציעל פאַרגרעסערטער נומער פון בית-יעקב-זשורנאַל, וואו דאָס ענין וועט באַריכות ארומגירעט ווערן. די רעדאַקציע פון דעם דאזיקן נומער האט איבערגינומין לויט אונדזער בקשה דער באַקאַנטער פילאלאג און שריפטשטעלער דר. שלמה בירנבוים. דר. בירנבוים האט זיך שוין פאַרבינדן מיט אַלע ארטאדאקסישע שרייבער פון גאַר דער וועלט און עס איז זיכער, אַז ס-וועלן וועגן דעם ענין זאָגן זייער דיעה, די אַלע וואָס איז זיי נאָנט צום האַרצן די דאזיקע וויכטיקע זאַך.

היות אין דעם חודש פון „יידישקייט און יידיש", וועט אויך זיין איינס פון די ענינים דער ארטאדאקסישער אויסלייג האָבן מיר באַשלאָסן, זיך צו ווענדן נאָך פריער צו אַלע לערנער און לערנערנס פון בית-יעקב מכּוח, אַ קליינער צוגרייט-אַרבעט. מיר בעטן זיך אַרויסצוזאָגן וועגן דער שאַלה, וואָס ווערט אונטן אָנגיוויזן. דאָס מאַטעריאַל וועט גיפונין אָנארט אין דעם ספעציעלן נומער פון אונדזער זשורנאַל, וואָס ווערט שוין צוגיגרייט פאַרן חודש פון יידישקייט און יידיש.

אט אין וואָס ס-גייט :

מיט וואָס קען מען פאַרשפרייטן דעם ארטאדאקסישן אויסלייג אויך אין יענע טיילן פון אונדזער עולם, וואָס פאַרשטייען נאָך נישט דאָס חשיבות פון דער זאַך. ווי אַזוי קען מען זיי אויפקלערן און צופירן דערצו, זיי זאלן מיטהעלפן? וועלכע מיטלין זענין לויט אייער מיינונג די פּראַקטישטע?

אַלע תשובות דאַרפן צוגישיקט ווערן אויפן אַדרעס פון אונדזער רעדאַקציע מיט אַ צושריפט פאַרן נומער „יידישקייט און יידיש".

בנות-גרופן !
בית-יעקב שולן !
„אגודה" פאַראיינין !

פאַר אייערע ליטעראַריש מוזיקאַלישע אָונטן
פאַר אייערע חגיגות און פייערונגין
פאַ אַלע יום טובדיקע פאַראַנשטאַלטונגין

אויב איר ווילט אָפּירלייענין און דעקלאַמירן גוטע יידישע לידער און גיזאַנגין, דערציילונגין און גישיכטן. מעשה-לעך און לעגענדעס, מאמרים און אָפּהאַנדלונגין, דאַן באַשטעלט נאך היינט אַ צאָל עקזעמפלאַרן פון דעם נייעם זאַמלבוך

„די יידישע נשמה"

אין קיין שום ארט, סיי ביי די חברות סיי ביי די יחידים טאָר דאָס ביכל נישט פעלן !

פרייז 2 זל. — די וואָס צאָלן פריגראַויס נאר 1.40 זל.
געלט-שיקן פ. ק. א. 67.795

# ערב ראש-חודש ניסן ביי קבר רחל

פון ב. סאקאלאוו.

שוין עטלעכע טעג ווי דער ירושלימער הימל איז אויסגעשפרייט אַ פריש אויסגעוואַשינער און ציכטיקבלאָער. די לופט איז פרייַלעך דורכגינעצט אין טוי, פון אַלעם ווייעט אַראָפ אַ פרילינגס-פרישקייט, נאָכ׳ן אויסצוואָגן זיך אין גשם-ברכה-דיקן מלקוש. נאך דער וואכנלאַנגער רעגנדיקייט איז יעצט דער חלל עלעקטריזירט. יוגנט ענערגיע איז צוברויזט און אויפגילעבט.

די באַפעלקערונג פילט זיך גישמייכלט, אָן דאגה. די גרעסטע דאגה — אראָפגיפטער-ט פון קאָפ: אַלע בורות זענין ברוך השם שפע-דיק איבערפולט מיט רעגנוואַסער, אַזוי ווי שייערס מיט תבואה. יעדער איז פול האפנונג, אַז עס וועט מיט ג—טס הילף זיין אַ זאַט יאָר אויב נאר וואסער וועט נישט מאַנגלין...

עס שפילט די נאַטור אַ סימפאָניע פון ניסן-מאָטיוון, דיריגירט פון די שטראַלן פון דער וואַרים גלעטגדיקער זון, ברענגט אַריין אין אַנטציקונג, יעדעס עמפפינדלעכע האַרץ. עס איז נאָך זייער פרי און אויף די גאַסן פון ירושלים איז שוין אַ העפטיקע באַוועגונג, עס זעען זיך היימישע, מאַסן צוגיהייזטע, גיקומינע ספעציעל, כדי צו גיין אויף קבר-רחל.

עס איז היינט ערב ראש-חודש ניסן און אַ גאַנצן חודש וועט מען נישט טאָרן באַזוכן דער „מאַמין".

אויף אַלע צענטראַל גאַסן און זייטן-שכונות, וואו נאר עס סטאַציאנירן, אויטאמאבילן, דראזשקיס, און אייזעלעך, זאמלען זיך מענשן גרופן, פונוואַניט מען פאָרט אָפ אין אַ שייראַ צו בית לחם-צו.

מיר, אַ חברה „פועלי אגודת ישראל", האבן גאָרנישט בדעה זיך צו באַנוצן מיט קאמוניקאַציע-מיטלין. עס איז איינגאַנצן דריי שעה גאַנג אהין און מיר האבן נאך נעכטן באַשטעלט אַ גאַנצע קאמפאַניע, צו לאזן זיך אין וועג אַריין, גאַנץ פרי, צו-פוס.

אונדזער שייראָ איז נישט די איינציקע. עס מאַרשירן איבערן „כביש" נאך אַנדערע יוגנטלעכע שיירות שפּראַזן ריטמיש מיט ברען און לעבנסלוסט. די זון היצט שוין גאַנץ נישקשה-דיק, זענין דעריבער כמעט ביי אַלע די אויגן באַברילט מיט טונקילע גלעזער און שטויב-שיצערס, אויפ׳ן קאָפ ווייסע העלמין און ברייטראַנדיקע שטרוי-קאַפעלושן, די מאַרינאַרקיס אויסגיטון, די העמד-אַרבל אַרויפגישאַרצט און ביי דער זייט אויפ׳ן האַקן פון פאַסיק, באמבלט אַ מאַניערקע מיט קאַלט וואַסער, אַ ווייך מאַרשירן אין ווייסע גומע-לאַטשן עס איז בלויז צו הערן דאָס נישט-ריטמישע קלאַפערן פון די וואַסער מאַניערקעס.

יעדע ווייַלע דעריאגן אונדז, קליינע אפינע אויטאבוסלעך, אָנגיפראפט מיט פאַסאַזשירן ווי געגנדז אין אַ שטייג; הויכע פראווינציאַלע דראזשקעס, באַזעצט מיט ירושלמיים און ספאדקיס און חילוקא-דרבנן-ס, דראזשקעס מיט ווייבער און שטערנטיכלעך און אין בונט גיבלימלטע טערקישע שאַלן; דראזשקעס מיט בוכאַרער און פרענקן, און טורבאַנין אויף די קעפ און פערקעס. אָנגיטון יום-טוב-דיק שרייאיקפאַרביקע, דין-גיוואַנטינע כאַלאַטן מיט ברייטע ארבל; אויף די בייכער קאַליַרטע ברייטע גאַרטלען, גיבלימלט און מיט גריינגיהאפטן בלישטשנדיק צירונג.


דאָס קבר רחל.

עס לויפן פאַרביי אייזעלעך, דראבניטשקע-טרייטעלדיק, טראגן אויף זייערע בידנע נישט גיזאטלטע רוקנס, לאַנגפיסיקע פאַרשוינין, וואָס רירן כמעט אָן מיט זייערע טריט די ערד. אַזאַ „רייטער" אין ירושלמישן טראכט, אויף אַ קליין מיזערנע אייזעלע, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ משיחישן „עני רוכב על החמור"... עס רוח׳ן פאַרביי אין ווילדן גאַלאָפ פראַכט-אויטאס מיט טוריסטן אין וועג-קליידונג, וועלכע ליגן צעלייגט אויף די באַקוועמטע ספרענזשינע-גיבעטן, אויף די אויגן טונקילע ברילן און ביי דער זייט אַ לאָרנעטע אדער אַ פאטאגראַפישער אַפּאַראַט, אַריסטאקראַטישע לײדיס מיט קנאַפע שפורן אין אָנגיהערן צום יידנטום.

אַ גימיש פון אָריענטאַל, אייראפעאישקייט און אַמעריקאניזים.

* * *

ארכיון אסופות

קאנטראסטיש טיילט זיך דער אַנטציקנדער בלאָער הימל מיט דער פול צוגליטער לאכנאָיקער זון אויבן פון דער פעלזיקער שטייניקער פרוכטלאזיקייט אונטן. סקעלעטיק נאַקיט שפּאַרן זיך צום הימל די הויכע בערג-ריזן, אומגילומפרט, דעפאַרמירט, צושניטן מיט צו טרייבערטע נידערים. וואו-נישט-וואו, ביי אַ באַרג צופיסנס, ס-וואַרצלט זיך וויבּרירנד, אַ סטאַדע שאָף. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ מחנה זלידנע פליגן וואלטן זיך אָנגיזעצט אויף אַ פליכוואַטן קאפ... דורך דער שיטערער לופט און שטילקייט, דערטראָגן זיך קוים הערבּאַרע אַקאָרדן פון אַ פאַסטוך-פייפל אָריענטאַליש-פאַרבענקטע, נאגנדיק, לעכצנדיקע, גאַרנדיק צו עפּיס איבערערדישיס, נישט דערגרייַלעכעס. אט זעט זיך פונווייטנס ציען אין אַ זיג זאַג, אַ אורחת-גמלים, אַ קעמלין-קאַראַוואַן, שפּרייזנדיק לאַנגזאַם, אַפּאַטיש אויפ׳ן פאדערשטן קעמל, הויך-הויך אויפ׳ן הויקערשפּיץ, זיצט אַן אַראַבער מיט די פיס הינטער זיך, דער קאָפּ פאַרחלום׳ט פאַרוואַרפן, פאַרשוועבט אין פאַנטאַסטישע וועלטן, ציענד אַ דין פאַרבענקט מוח טענעלע און אויסלאזנדיק יעדע ווייל מיט אַ קרעכצל: אַללאַ, אַללאַ! עס לויפן פאַרביי אַ סטאַדע אייזעלעך, באַלאדנט מיט בלעכן אדער פעלענע לאָגלין מיט וואַסער און הינטער זיי באַרוויסע פּרא-אדם-דיקע אייזל-טרייבער.

נישט פילנדיק די צייט און נישט קיין מידיקייט, גייען אדורך די דריי שעה וועג. מיט גיזאַנגין און האפעדיקייט שפּרייזט מען איבערן „כביש" פון טאָל צו טאָל שטעלט מען זיך אָפּ אויף אַ ווייַלע אַ טרינק טון. אָפּגיפרישט — איז ווייטער מאַרשירט, אנהייבנדיק אַ נייעם מאַרש-ניגון, ביז, ביז, פונווייטנס סטאַרטשיט שוין אַרויס דער קאַלכענער קופּאל איבער דעם היסטארישן מאנומענט, וועלכער איז אַזוי אַלט און דאך מיט יונגע גיפילן ניי — דער קבר רחל.

שוין אַ היפּשע שטרעקע פריער, איז דאָ די אַרומיקע פּוסטקייט



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון a 067-068 הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 31 מתוך 46

יונגערע קינדער און גייסט פון בנות אגודת ישראל. עס איז גיוואָרן באַשלאָסן צו גרינדן בתיה-פאַרבאַנדן. באַלד נאָך דער אַלגימיינער פאַרזאַמלונג האָט זיך די חערבירונגס ארבּיט אָנגיהויבן, וועלכע איז גאַנץ גוט אָוועק. די פאַסיקע מחנכות, האָבן זיך אויך באַלד אָפּגיפונין, אין רעזולטאַט פון דער פּיריעריקער אַרבּיט, איפערהויפּט פון די לעצטע צוויי יאָר ערציאונגס-און קולטור-אַרבּיט.

אַ יאָר צייט, איז גיגאַנגען צוגלייך מיט דער בנות-אַרבּיט אַ אינטענסיווע באַוועגונג פאַר בתיה-ארגאַניזירונג, וואו די בנות-מיטגלידערנס האָבן שוין גיפילט דאָס אחריות פאַר דער רעליגיעזער ערציאונג פון זייערע יונגסטע שוועסטערלעך, צופרידן פאַרטון און דער אַזוי דאַנקבאַרער ארבּיט איז כמעט אומבאַמערקט אַ דורכגילאָפן אַ יאָר און לויט דער אָנווייזונג פון דער צענטראַלע איז מען צוגיטרעטן מאַכן הכנות צו דער גרויסער פיניף יעריקער יובילעאום-פייערונג פון בנות אגודת ישראל.

צו דער גרויסער אומפּאַזאַנטער יובילעאום-פייערונג איז אויך גיקומען דער אמת-ער בעל שמחה דער ערשטער גרינדער און פיאָנער פון נ-ער „בנות" ר' אשר. און אין זיין באַגריסונגס-רעדע האָט ער דערמאַנט דעם משל פון רמב"ם ז"ל, ווי מ-גינאַרט אריין אַ קינד, וואָס פאַרשטייט נאָכנישט אַליין דאָס חשיבות פון לערנין תורה, ווי דאָס ערשטע זאָגט מען אים צו ניס מיט האָניק, כדי אים אַנצומאַכן אַ חשק צו לערנין. שפּעטער ווען ער ווערט עלטער און הויבּט שוין אָן גרינגצושעצן אַזאַלכע ניס-באַלוינונגען, זאָגט מען אים צו צו מאַכן אַפאַר שיינע שיך אָדער אַנצוג כדי ער זאָל וועלן לערנין. נאָך שפּעטער, ווען זיינע השגות וואַקסן ביי אים אַריבּער אויך די שיך און אַנצוג, זאָגט מען אים צו אַ גרעסערע געלט-סומע, ווי אַ רענדל אָדער צוויי, וועלכעס ער וועט באַקומען, אויבּ ער וועט וועלן לערנין, ווען זיין שכל ווערט אים שוין נאָך רייפער און אויך די געלט-באַלוינונג נעמט אים שוין נישט מער פאַרזיכערט מען אים כבוד און קאַריערע, דאָס אויבּ ער וועט קענין לערנין, וועט ער ווערן גרויס. אַ דיין, אַ רב און אַזוי ווייטער גייט מען אים כסדר נאָך דעם וואוקס פון זיינע השגות ביז ער פאַרשטייט ענדלעך צו דערגרייכן דעם אמת, און הויבּט אָן צו לערנין תורה לשמה, תורה צוליבּ תורה אַליין...

„יעדער תלמיד וואָס האָט נישט דערגרייכט אַ גוטן רעזולטאַט אינים לערנין במשך 5 יאָר, וועט עס שוין מער נישט דערגרייכן, האָבן אונדזערע חכמים גיזאָגט" — האָט ר' אשר ווייטער פאָרטגיזעצט זיין באַגריסונג. און ווער נאָך 5 יאָר אַרבּיט, צו לערנין זיך זיין בנותיסטקיס, זע איך פאַר אייך אַזאַ גוטן רעזולטאַט דערגרייכט. האָבּ איך פאַר אייך מער קיין מורא נישט און כ-זאָג אייך ערשט דאָ אָפן אויס דעם סוד, אַז כ'האָבּ אייך „אריינגינאַרט"...

„אַריינגינאַרט אייך"! — האָט ר' אשר שטראַלנדיק טריאומפירט — מיט 5 יאָר צוריק ווען כ-האָבּ גיזעען דאָס איר הויבּט מיר אָן צו „פאַרוואַרפן מיט-ן קעפּל" האָבּ איך אייך אַהער אַריינגינאַרט, אייך פאַרדרייט די קעפּ מיט פאַרזאַמלונגען, זיצונגען, אַמטן און כיבודים; שפּעטער מיט דאָס און יענץ לויטן וואוקס פון אייערע השגות און אַפּעטיטן, ביז כ-האָבּ אייך „גיפאַנגען" און איצט נאָך 5 יאָר לערנין זיך, זענט איר מער נישט קיין אגודיסטקיס פאַר קיין „ניס, שיך געלט און כבוד, צוליבּ בענקלעך, צייט-פאַרטרייבּונג, רעפעראַטן און ביכער", נאָר לשמה, תורה, צוליבּ תורה אַליין...

ה-פרעג נישט מער נאָך אייך, כ-האָבּ שוין פאַר אייך קיין מורא נישט, און כ-זאָג אייך אָפן פאַר אַלע, אַז כ-האָבּ אייך אריינגינאַרט און צום פיניף יעריקן יובילעאום פון לאָזן זיך אַריינגינאַרן, באַגריס איך אייך, און גראַטוליר אייך הערצלעך! — האָט ר' אשר פייערלעך פאַרענדיקט.

הילכיקע אַפּלאַדיסמענטן האָבן דעם רעדנער באַגלייט.

אַ ד אַ נ ק פ אַ ר-ן אַ ר יי נ ג י נ אַ ר ן! האָבן פון אַלע זייטן גידונערט קולות פון די פאַרזאַמלטע חברות.

מיר האָבן אייך „אַריינגינאַרט"! — מעג זיך שוין פאַרגינין די בנות-צענטראַלע אָפן אויסצורופן צו אירע מיטגלידערנס צום 5 יעריקן יובילעאום פון דער ערשטער בנות-קאָנפערענץ.

אַ דאַנק פאַרן אַריינגינאַרן! — וועלן גיוויס די צענער טויזנטער בנות-חברות מיט פרייד אָפּענפערן...

ל. שיף


# אַ ניי וויכטיק פּראָפּאַגאַנדע בוך פאַרן גידאַנק פון בנות-אגודת-ישראל

שוין אַרויס פון דרוק

# וואָס איז און וואָס וויל בנות-אגודת-ישראל

## פון א. מ. ראַגאַווי

**אינהאַלט:** א) הקדמה, ב) דאָס פּראָגראַם, ג) פליכט שפּילונג, ד) דער מאַן דורך תורה און טראַדיציע און די פרוי דורך טראַדיציע און תורה; ה) די גרונט-פּרינציפּן, ו) די אמונה אַלס קוואַל פון לעבן, ז) דאָס באַוואוסטזיין אין דער פירנדער האַנט פון דער השגחה, ח) די גדולי התורה אַלס די העכסטע טאָן-געבער פון יידישן פאָלק, ט) די חוקי היהדות אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן, י) דער גייסט פון דער תורה אין יידישן הויז, יא) יידיש וויסן, יב) ארץ ישראל, יג) דער יידישער נאָמען, יד) צניעות אין דער קליידונג, טו) די פאָלקסטימלעכקייט פון דער יידישער שפּראַך און די הייליקייט פון לשון הקודש, טז) דערווייטערן זיך פון נישט יידישן לעבנס-שטייגער, יז) מלחמה מיט כפירה און הפקרות יח) אַ וואָרט וועגן אָרגאַניזאַציע, יט) שלום.

*

דאָס ערשטע מאָל ווערט גיגעבן די מעגלעכקייט דעם ברייטן יידישן עולם צו באַקענין מיט דער אידעע און שטרעבונג פון בנות-אגודת-ישראל. די אויטאָריטעטע פעדער פונים מחבר איז ערב פאַר דעם גוטן רושם, וואָס ס-וועלן מאַכן די שיינע, ערנסטע און אמתע גידאַנקען, וואָס ווערן אין דעם בוך אַרויסגיזאָגט.

**אַלע פריינט פון דער בנות-באַוועגונג דאַרפן די דאָזיקע בראָשור פאַרשפּרייטן אין אַ פשיטא, אַז קיין איין בנות-חברה דאַרף נישט פאַרפעלן דאָס בוך צו האָבן.**

**דער פּרייז איז ווייער ביליק, נאָר 40 גר.**

| | |
|---|---|
| 10 עקז. | נאָר 3.25 זל. |
| 20 „ | „ 6.— „ |
| 40 „ | „ 11.— „ |

אַלץ מיט פּאָרטאָ

צו אַ איינצל עקז. גייט צו 10 גר. פּאָרטאָ ד. ה. 50 גר.

געלט שיקן:

P.K.O. 67.795.

צו יעדע 10 עקז. ווערט צוגיגעבן בחינם דאָס בוך „די אָרגאַניזירונג פון בנות-אגודת-ישראל", וואו ס-גיפינין זיך אַלע פרטים ווי אַזוי מען שאַפט און מ-פירט די אַרבּיט פון בנות-אגודת-ישראל אויף אַלע גיביטן אין דעם „בתיה"-פאַרבאַנד.

דאָס אַרויסגעבן דאָס בוך „וואָס איז און וואָס וויל בנות-אגודת-ישראל" איז אויסגירעכנט צו קענין אָפּנעמין, נאָר וואָס עס קאָסט דאָס אַרויסגעבן. דריבּער וועלן קיין שום אויסנאַמין נישט גימאַכט ווערן און עס וועט נאָר גישיקט ווערן צו די, וואָס וועלן שיקן פריערויס געלט.

**... אַלע באַשטעלונגען אויף קרעדיט וועלן גאָרנישט אָפּגיענטפערט ווערן!**





בית יעקב-לודז'/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי




## בנות-קאנפערענץ אין פּאביניץ

אויבן—דאס פּ־עזידיום. הינטן—די דעלעגאטנס אויפן זאל



וועלט-קאנגרעס פון אגודיסטישע פרויען וויען, אלול תר"ץ



קראקעווער בנות-קאלאניע אין ראבקע סיון אב תר"ץ



זומער-קאלאניע פון בנות-אגודת-ישראל איז בענדין

# די גאולה פון לשון

## פון ד"ר. שלמה בירנבוים

אזוי הייסט דאס נייע בוך, וואס גייט ארויס אין פארלאג „בית יעקב" באלד נאך פסח!

---

לידידי הנכבדים מר מיכאל דוב סוקולוב והמרא מ. קרונגרד ברכת מזל טוב המה לנשואיהם.

א. ג. פרידנזון

# קול-קורא פון דער גיזעלשאַפט פאַר זומער-קאָלאָניעס

## ביי דער צענטראַלער שול-אָרגאַניזאַציע

## „חורב“ און „בית יעקב“ און „יהודית“ אין וואַרשע

### צו אַלע חברות פון „בנות אגודת ישראל“ לערערנס און קינדער פון די בית יעקב שולן אין פוילן

אין די לעצטע יאָרן האט מען פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אונדזער שול-יוגנט שוין עפּיס גיטון, מיט־ן שאַפן בית-יעקב-שולן. צי האבן אבער מיר עפּיס גיזארגט פאַר־ן גיזונט פון אונדזערע קינדער? לײדער גאָרנישט! אונדזערע קינדער וואָס ווערן פאַרמאַטערט מיט די לימודים אין שול אַ גאַנץ יאָר האבן נישט קיין ארט אין די פעריען-צייט, וואו צו באַקומען אַ ביסל פרישע לופט און שטאַרקן זייער שוואַכן גוף. יא, ס-זענען פאַראַן קאָלאָניעס פאַר שול-קינדער, אבער לײדער דער רוב פון זיי, ווי דער גאַנצער גייסט דארט איז אַ פרייער און פאַר דעם ביסל גופניות-דיקער ערהאָלונג מוז מען דערפאַר מקריב זיין די יידישע נשמה פון־ם קינד, דאָס רעליגיעזע שול-קינד מוז האָבן אַ אייגינע קאָלאָניע, דורך אייגינע מענטשן גיפירט, וואו מען וועט קענין זיכער זיין אז אין דער אַפּרו צייט ווערט ווייטער גיפלעגט דער גייסט פון בית-יעקב.

די גיזעלשאַפט „יהודית“ האט שוין באַוויזן אויף דעם גיביט אייניקע מאָל אירע מעשים, די קאָלאָניעס אין די לעצטע צוויי יאָר זענין גיוועזן אַ מוסטער פון דעם מין, דאך האט מען אבער נישט גיקענט צופרידנשטעלן אַפילו דעם קלענצטן טייל פון דער באַפעלקערונג, ווייל די קאָלאָניעס זענין גיוועזן צו קליין. מיר האבן דעריבער איינגיזעען, ווי עס איז נייטיק צו האָבן אַ אייגן בנין און אט איז שוין גיקויפט גיוואָרן אין איינעם פון די שענצטע וועלדער אַ פלאַץ פון 42 טויזנט איילן און מען איז שוין צוגיטרעטן דאָס בנין אויפצושטעלן.

אַצינד ווענט עס זיך נאר אין די פריינט פונים יידישן קינד. די דאזיקע קאָלאָניע וועט זיין אַ צענטראַלער זאַמל-פונקט פאַר פרישער לופט און ערהאָלונג פאַר אונדזערע קינדער. מיר אַפּעלירן דעריבער צו אייך איר זאלט העלפן מיט אַלע אייערע כחות, אַז דאָס בנין זאל וואָס פריער פארטיק ווערן. פירט אַדורך מיט ערפאָלג די אַקציע פון קינדער פאַר קינדער און מיר זענין זיכער, אַז איר וועט פאַרשטיין די וויכטיקייט פון דער גרויסער זאַך!

קאָמיטעט פאַר זומער-קאָלאָניעס:
אַלכסנדר זושא פר דמאַן, א. מ. ראַגאַווי
יואל אונגער, יהודה ליב ארלעאַן א. ג. פרידנזאַן

---

## בילליקע ביכער רשימה פאַר אונדזערע אַבאָנענטן

| | פרייז | פאַרבילליקט |
|---|---|---|
| 1) „פּרקי אָבות“ אין יידיש פון א. מ. ראַגאַווי | 60–1.00 | גר. |
| 2) „מגילת רות“ אין יידיש פון שמואל נאַדלער | 35– .60 | ″ |
| 3) „לידער“ פון שמואל נאַדלער . . . . . . | 90–1.25 | ″ |
| 4) „יידישקייט און לשון“–דר. שלמה בירנבוים . . | 2.35–3.50 | זל. |
| 5) דער יידישער אפּיציר – דר. מ. לעמאַן | 1.60–2.25 | ″ |
| 6) די אָרגאַניזירונג פון בנות אגודת ישראל . . | 65–1.– | גר. |
| 7) חמשה עשר באָב– דער יום-טוב פון דער יידישער טאכטער–ל. שיף. . . . . . . . | 35– .60 | ″ |
| 8) די ביכלעך „קינדער ביבלאָטעק“ . . . . | 95–1.60 | ″ |
| 9) „נעמי און רות“ י. נ. קאַמיעניץ . . . . | 40– .75 | ″ |
| 10) „יהדות“ ערשטער טייל גיבונדן . . . . | 85–1.50 | ″ |
| 11) „יהדות“ צווייטער טייל ″ | 85–1.50 | ″ |
| 12) „יידישקייט“ ערשטער טייל גיבונדן | 85–1.50 | ″ |
| 13) „יידישקייט“ צווייטער טייל ″ | 125–2.50 | זל. |
| 14) 100 פאַרשידינע קאַרטלעך, בילדער פון גדולי וגאוני ישראל (אַמווייניקסטן 20 שטיק) . | 2.10–3.00 | ″ |
| 15) וואָס דאַרף זיין מיט דער יידישער טאכטער . | .20 – 12 | גר. |
| 100 עקז. נאר . . . . . . . . . | –.7 | זל. |
| 16) פאַרשידינע נומערן ב״י נאר ביזן 8 יאָרגאַנג | 35–1.00 | גר. |
| 17) פאַרשידינע נומערן ק״ג (נאר ביזן 5 יאָרגאַנג) | 18– .40 | ″ |

די אַלע אויבן אויסגירעכנטע פרייזן זענין נאר נעטא און עס מוז איינגישיקט ווערן דער ביכער קופּאָן. אַבאָנענטן, וואָס פיגורירן אין אונדזער בוך דאַרפן קיין קופּאָנין נישט שיקן. פאַר פּאָרטא קומט צו 10 פּר. פון באַטרעף. די וואָס שיקן נישט די פולע סומע לויטן פאַרבילליקטן פרייז מיט פאָרטא באַקומין נישט גישיקט די באַשטעלונג. קיין ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענץ ווערט וועגן די ביכער נישט גיפירט. דער וואָס וויל באַקומין, ווען עס-איז בוך דאַרף שיקן דעם באַטרעף דורך אַ פּאָסט-טשעק נומער 67.795 און די באַשטעלונג ווערט תיכף אויסגיפירט!

אין קומענדיקן נומער, אַ פאַרגרעסערטע רשימה פון בילליקע ביכער!
געלט-שיקן פּ.ק.א. 67.795 אויפן מאַרגינעז צושרייבן
אויף וואָס דאָס געלט איז גישיקט גיוואָרן.

---

## ערשטע רשימה פון די גיזאַמלטע געלטער פאַר דער יהודית-קאָלאָניע דורך די ב״י לערערנס

**וואַרשע, בית-יעקב-שול נאַלעווקי 37**

לערערן אַלביק – 54 זל; לייטערן כּויזנער – 115 זל; לערערן מאַנק 28 זל; לערערן ווייכנבערג – 1350 זל; קאַמינער – 18 זל; לערערן פרידמאַן – 1150; לערערן סטודענט – 14 זל; לערערן צוקערמאַן – 34 זל; לערערן לידערמאַן – 20 זל; לערערן רובין – 30 ל; לערערן ווײדנפעלד – 59 זל; לערערן וואַדיסלאַווסקי – 350 זל. בס״ה 400,50 זל.

**אין דער בית-יעקב-שול טוואַרדא 35**

לערערן פיינגאָלד – 650 זל. לערערן אגענ..יין – 2750 ל. לערערן קאַטשינסקא – 2 ל. לערערן לילענשטיין – 2050 זל לערערן ליכטענבערג – 24 זל לערערן גאָלדשטאַף – 750 זל. בס״ה 88 זל.

**דורך ..ער ב״י שול זיעלנא 20**

..ערע..ן מילשטיין–5 ל. לערערן יו קאָוסקי–4 זל. לע..רן גראַף 750 ז . לערערן ערליך–40 זל. בס״ה 2050 ל.

ב״י שול ריישא דורך דער לערערן פּרל. קירשנבוים – 45 .

ב״י שול פּלאָצק דורך דער לערערן רושיינסקא – 2350.

ב״י שול בעלכאַטאָוו. ..ערערן אַרל..אָן – 25 ל.

ב״י שול פּינטשעוו. לערערן ווייץ – 20 זל

---

# אונדזער גיזאַנג

**פאַר בית-יעקב שולן!**
**בנות-אָרגאַניזאַציעס!**
**בתיה-פאַרבאַנדן!**

## לידער מיט נאָטן

— פרייז 2 עקז. 5 זל. —

ווייניקער ווי 2 עקז. ווערט נישט גישיקט!



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 068-067 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

## רשימה פון די וואָס האָבן גיזאַמלט תרומת־חברה אויפֿן יאָר תרצ"א

בלומא ליפמאַנאָוויטש, הדס ראזנבלום, טויבא קריגער, לאה בראם, שרה לעווין, לאה יאסקאָוויטש, שרה טענענבוים, טריינא לעווינזאן, ווייסקאל, ברויער, טיבערט, פרזשיטיק, דושיאַלאָווסקע, שלענסקא, ראַבינאָוויטש, רייס און בערלינער (לאדזש) קראָקא— בנות-אגודת-ישראל (די נעמין קומין באַזונדער).

רבקה עלבוים, עלקא ראַטשטיין, רבקה קלאַשער, מרים בידער-מאַן, שרה זאַטאַרסקא, שרה גרזשעבמאַכער, יוטא גאלדקנאָפּף (וואַרשע).

חי' סאקאלאוו, חנה גאלדבערג (באַרזאַנאָוו) שרה זימאַן, חנה מיאטלא (פלאצק). בנות אגודת ישראל, פרל. לעווענהאָף (טשענ-סטאכאָוו) ח. זאַנדבערג, פ. אונגער (וויעלון) פינקעלשטיין און שאַרפהאַרץ (נאַרוואָלין) חי' גילערנטער (יאנאָוו-לוב). שפּערלינג, בלאַכמאַן (פלונסק) האראוויטש, ליבערמאַן (סקיערניעוויץ) חנה טרויבע און נעכא קאפל—בלאַשקי, ר. ווייסבראָט (קראַשניק) רויזא טייכער (טאַרנאָגראַד) מ. ד. אונגער (קאַלושין) וואלדליווע-ראַנט (חמעלניק) הינדא שפיגל (ראַטשאנזש) רחל צוקער (פּשי-טיק) לובינסקא, ראזענבערג, שטאַרקמאַן, שרה זאמער, פייגע מאשקאָוויטש (טורעק) פ. שטייער, אַלבערט (קינצק) טייטעלבוים (טאַרנאָוו) דבורה גאלדיאַסער (טלושץ) ש. גוטער (פּאַרעמביץ) ב. ווייטץ (קאַליש) חנה בלאָס (פשעדבאָרזש) גורפינקעל (ליפנא) שרה לעווקאָוויטש, ליבע גאלדפאַרב, מלכה פוקס, לאה סאַלניק (וולאצלאַוועק) קרישעק (גאָסטינין) טעמא טראם (סאַניק) בוים און האַלענדער (לינטשיץ) גאלדבערג (זגלעחאָוו) טאַרנהיים שוואַרץ, ברעזעל (בילגאָריי) שרה יאסקאָוויטש, רחל טענענבוים (רוזשאַן) פאמעראַנץ, ביעזשונסקא. קוטנער (סאָכאַטשעוו) ב. טאָב און יוסף-הלענדער (ווישעגראָד) ט. הענענבערג (קשאַנאָוו) יוטא אייפערמאַן און רייזל גרינוועג (קאַלאָמיי) ד. סטאַראַווינסקא (גער) זילבערמאַן, זילבערבערג (אָסטראָוויעץ) רחל סילמאַן (נ. קאַרטשין) רויזא לוריע (יאַדאָמסק) אָלאָטשעווסקא, לעווענ-טאַל (דוואַרט) ליבשיץ, לעווין (זשיכלין) בינצוויג, לויפער (אָזשאַראָוו) חנה ראזענשטיין (יאַדאָוו) קאָזיאָל, דרעזנער (בעל-כאַטאָוו) שפרה הארמאַן, חנה כץ (קלימענטאָוו) הינסדאָרף (קאָזש-מינעק) הימעלבלום (ניכאָניץ) חי' גייגער (בזשעזשין) וואלדגרשטיין און זעמעלמאַן (דראָבין) חנה קפלער (רימאַנאָוו) בלומא דרוק (זשאַרקאָוו) זעלדע ברעזלער, מרים טייבע (וויש-קאָוו) אסתר באמאַץ, חי' טאָבאַבאַט שוויס, קריגער (זד-וואלע) פ. דאַנקין, שטשוטשינער (גוואראַליע) שרה לערנער און רחל בערגמאַן (ווענגראָוו) בלומא יונגסטער, בריה-פאַרבזנד (בענדין) פ. אַלטנער און ר. פינקעלשטיין (אַלעקסאַנדער) לערערן בזשעש-קאָווסקא (קאָברין) חנה בימגאַרטן (פיאַשניץ) פ. מאַרדקאָוויטש (אָארקאָוו) מלכה זימלער (ביאַלע-ראַווסקע) אָזראַעלסקי (סטשעזשגאָווע) גאלדפריינד, בלאָדע (מיעכאָוו) קראַמאַזש, גרינבלאַט (שעדלעץ) גאלדע לאַנדא (לוטאָווסקא)

### וועגן גורל אויף די פּרעמיעס

איבן פאַרלאַנג פון ניך אַ טייל ערשט גיגרינדיטע אָרגאַניזאַציעס, „בנות אגודת ישראל“, וואָס וועלן ערשט קאָנען דורכפֿירן די ת"ח אַקציע אין חול-המועד פסח, ווערט ערשט דער גורל אויף די פּרעמיעס זיין אין י"ח איר.

### גרונטשטיין לייגן פון דער ערשטער ארטאדאקסישער זומער-קאלאניע

פאַרן שליסן דעם נומער האָבן מיר באַקומען די ידיעה, אַז מאָנטיק י"ב ניסן וועט זיין די גרונטשטיין פייערונג פון דער צענטראַלער זומער-קאלאניע. צו דער פייערונג פאָרן אין נאָמען פון אונדזער רעדאַקציע די ה"ה א. ג. פרידנזאן און דער באַקאַנטער שריפט-שטעלער ה' בנימין מינץ פון תל-אביב.

## חנה שרה ערדינאַסט ע"ה

גיב. שטייער

ווי אַ בליץ שנעל פאַרשפּרייט, און ווי אַ דונער גיטראָפן האָט אונדז אַלעמען די טרויריקע בשורה, אַז מיטוואָך כ"ט אדר איז אין לאָדזש גישטאָרבן נאָך שווערע יסורים, די ייִנגע 23-יעריקע עסקנית און ערן פאָרזיצ. פון אונדזער אָרגאַניזאַציע פרי חנה שרה ערדינאַסט ע"ה.

זייער, זייער טיף גירירט האָט אונדז דאָס גרויסע אומגליק, און שטאַרק נידערגישלאָגן די שמערצלעכע אבדה. די פאַרשטאָרבענע איז גיווען אונדזער לאַנג-יעריקע פאַרוואַלטונגס מיטגלידערין, און ס-איז גיווען אַ אמת-ער גינוס מיט איר צוזאַמען צו אַרבעטן: מיט איר גרויסער חכמה און קלוגער עצה, מיט איר אונערשעפּטער ענערגיע און שפרודלדיקער לעבנסלוסטיקייט, איז זי ביי אירע אונצייילבאַרע מדות טובות גיווען דער לעבנס נערוו פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

נאָך גרעסער איז אונדזער שמערץ, וואָס ס-איז אונדז נישט גיגעבן גיווען אונדזער אזוי חשובער ערן פאָרזיצערין אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד. מיר שטייען דעריבער מיט אַ גיבויגיגים קאָפּ, פון דערווייטנס פון דיין קבר אונדזער הייס געליבטער חברה. גיטרייע אידעען שוועסטער און אונערמידליכע, גיאַכטיטע מיט-אַרבעטערין, און מיט פאַרקלעמטע הערצער באַוויינען מיר מיט ביטערע טרערן דיין פריצייטיקן טויט.

זיי אונדז מוחל! אייביק בלייבט דיין גיבענטשטער אנדענק וואָך אין אונזער זכרון! דאָס בילד פון דיין לייכטנדע גישטאַלט גייט קיינמאָל נישט אַרויס פון אונדזער קרייז.

כבוד דיין אנדענק!

און אייך פאַמיליע שטייער—ערדינאַסט, בלייבט אונדז אויס-צודריקן אונדזער טיפסטן, אויפריכטיקסטן מיטגיפיל. איר זאָלט אין דער אַרבעט לטובת אונזער הייליגן תורה אידעאַל אַ נחמה גיפונין.

יהודית געלבלום.
בנות אגודת ישראל
זד. וואלע.

ביליקע, שיינע און גוטע וועש-אויסאַרבייטונג:
**מענער, דאַמען קינדער־וועש**
**איבערציגן**
קונסט-מאַשין און האַנט-שטיקעריי
פאַרהאַנגען, קאַפּן, סטאָרן, עטאַמין און פילע.
קאָנקורענץ-פרייזן—צוגענגלעכע באַדינגונגען
**M. REDLICH Łódź**
– Nowomiejska 4 –
w podwórzu, lewa oficyna
II wejście II piętro m. 34
באַמערקונג: עמפּפעלע גאַנצע אויסשטייערס

דעם טיפסטן מיטגיפיל דריקן מיר אויס די גישוויסטער קארנבלום צוליבן טויט פון זייער ל. מוטער ע"ה. אין דער ארבעט פאַר אונדזער אידעאַל זאָלט איר אַ טרייסט גיפונען.

אסטראוויעץ לערערן טראַטנער.
בנות אגודת ישראל.


בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 067-068 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

